STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05921

TROPISHE LIKHT

Eliezer Aronowski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר אַראָנאָווסקי

טראָפּישע ליכט

לידער און פּאָעמען פון קובא.

I אויף זוניקע ערד.
II ליכט און שאָטן.
III פאַרנאַכטן־רו.
IV יוגנט־טריט.
V באַלאַדן און פּאָעמען.

ארויסגעגעבן פון רעדאַקציע „אויפגאַנג“
האַוואַנאַ, קובאַ. — 1930

COPYRIGHT
BY
ELIEZER ARONOWSKY

דרוק—אהרן רימסקי, האוואנא
IMPRENTA A. RIMSKY, HABANA
1930

אלקנה'ן ,

מיט ליבע געווידמעט.

אַריינפיר.

אין ימים פון גרינסן.

אין ימים פון גרינסן באָד איך מיין יוגנט,
אונטער די הימלען, די בלויע, די קלאָרע;
ס'האָבן מיך שטראַלן קיינמאָל — באַנוגנט
כאָטש ברוין איז מיין הויט פון דער זון ווי קאָרע.

אַרום, קאָכט דאָס לעבן אין גליאיקן פייער,
ליידן און פריידן, זיך בראָטן צוזאַמען;
טרעפט מיר די לייד — איז דער ווייטאָג מיר אויך טייער,
כאָטש ס'גלוסט זיך מיר זינגען פון פריידיקע פלאַמען...

קומען באַגינענס אויף שטראַלן צו רייטן,
דאַרף מען נאָך שענערס, בעסערס האָבן ?.
לאָז איך מיך שווימען צו זוניקע ווייטן,
קער איך צוריק, איז דער טאָג שוין באַגראָבן....

צעשפּילט - זיך דער אָוונט אין שטערנדיק פרעגל
נאָך טאָגיקער גליאונג אויף נאַכטיקע רו,
פון אַלינקע וועגן, זוך איך אַ וועגל
וואָס זאָל מיך דערפירן צו ערגעץ וואו...

בײנאַכט װען די װעלט א פאַרמאַטערטע רוט,
נאָך רעשיקן אומלױף אין פײניקן יאָך—
ברױזט אויף מײן האַרץ מיט זודיקע בלוט,
אין װילדן געראַנגל, פון פינסטערן בראָך...

באַזינג איך דער װעלט טראָט בײ טראָט:
אין ליכט און אין שאָטן, אין װעלק און אין בלי,
פון שטיבעלע קלײנס,—ביז ריזיקע שטאָט,
פון װערימלס קריך,—ביז אָדלערשן פלי.

און געגרײט בין איך װײטער אַ זינגער צו זײן,
כאָטש פרײדן גאָר װײניק האָב איך פון דעם,
שטענדיק, נאָר שטענדיק, מוז זינגען פון פײן,
און לאָזן זיך דריקן, פון װעלטישן קלעם.

צו דעם ביזכט געבוירן! זאָגט מיר דאָס האַרץ:
אַ סטרונע פאַרצױגן אויף װעלטישער - האַרף,
װער װײס װי ניט פינסטער זאָל זײן עס און שװאַרץ
פאַרזינגען, פאַרשפּילן, דעם טרויער באַדאַרף...

מיט ליכטיקן גלויבן אין פינסטערן סוף,
אַז קומען מוז קומען אַן אייביקער טאָג ;
כאטש ס'באַוועגט זיך דאָס צינגל אַרויף און אַראָפּ,
וועט דאָס ליכט, דאָך, אַריבערוועגן די וואָג . . .

אין ימים פון גרינסן, באָדט־זיך מיין יוגנט ,
אונטער די הימלען, די קלאָרע, די בלויע;
ס'וועט קומען אַ צייט , ווען אַלע באַנוגנט
מיט ערדישע גליק , וועלן זיין ראוי . . .

I

אויף זוניקע ערד.

פרילינג.

דער ים, איז אין ווייסנקע, קנאָספּן פאַרשאָטן,
די ערד, איז אין גרינסן פאַרוועבט;
דער הימל, דער בלויער, אין ים איז געראָטן,
די וועלט—איז באַיונגט, באַלעבט.

דער טאָג ווי אַ פּאָטער, שפּאַצירט אַ באַשטראַלטער,
וואַרעמט, און קושט, און גלעט,
אין בלי פון באַגינען, מיט פויגעלאַך שאַלט ער,
אין אָוונט—פאַרטרוימט ער זיך שפּעט . . .

די נאַכט, ווי אַ מאַמע, אַן ערשטלינג געבוירן
אַט נאָר וואָס, אַ ליכטיקן קינד;
שעפּשעט, אַ בלאַסע, אויף לאַנגינקע יאָרן
זיין מזל אויפלייכטן אַצינד...

באַגינענס, ווי אינגלאַך מיט גאָלדערנע לאָקן
לויפן צום וועלדל ביים טייך;
און פויגל, פון קינדערשע קול'כלאַך, צושראָקן,
צולויפן אין הימל זיך גלייך . . .

פאַרנאַכטן, ווי מיידלאך מיט וועלפּישע אויגן
רינגלען אַרום דיר, דיין גאַנג;
ווי שלאַנגען, די פלאַמען פון שקיעה, דיר זויגן
פון האַרצן אַרויס, דעם געזאַנג . . .

און גוט איז צום לעבן אין וועלטן אַזוינע:
וואו ס'פרילינגט, יובלט, און בליט;
אין ווילע בלויז האָבן אין לעבן אַ ריינע—
אייביק, צו קדושה, שוין ציט . . .

און אַלענקע תאוות פון פינסטערן גוף
צעשטיקט דער ליכטיקער שיין;
ביים ערשטן געזאַנג פון שטראַליקן רוף
פאַרטריבן ווערט, יאושדיק פיין . . .

עס זינגט זיך, דער לעבן, זיין אייגענעם ליד,
וואס קוועלט נאָך, פון ערשטן בעשאַף,
אין קדושה פאַרפלאָכטן, זיינען די טריט—
וואָס טומאה'ן, אין שוואַרצן געלאַף . . .

דאָרפישע פרייד.

עס זינגען, אַרום מיר, די פויגלען,
ס'פישטשען קורטשאקעלעך קליינע,
און ס'מורמלען טראָפישע גרינסן
ליכטיקע, ציכטיקע, ריינע.

צעפליט זיך אַ ראָזער באַגינען,
אין זילבערנע טויאיקע הילעס;
טראַפעלאַך בלאַסנקע מיניען—
ווי ווייסע, פאַר'חלומטע ליליעס.

צווישן די צווייגן, ווי סטרונעס,
ציען זיך גאָלדענע שטראַלן;
און ס'גיסן זיך פרישע מעלאָדיעס,
פון נאָר וואָס צועפנטע קוואַלן.

שפרייטן פאַנאַנדער די טויבן,
פליגלען ווי בלאַנקנדע שאַרפן;
און שניידן, דעם בליאיקן אויבן —
באַסטרונעט פון הימלישע האַרפן...

צעזשומען זיך פליגן, מאָסקיטן,
און שווימען אין רחבות, אין בלויען,
און ס׳לאָזן די בלומען די בליטן
אין יעדערנס האַרץ, זיך פאַרטרויען...

ווערכטו — אויך נענטער מיט אלע—
אַ גרעזל, צווישן די גראָזן,
און קומט דיר פאַרשווינקען אַ כוואַליע
זיי וועלן ניט לאָזן! ניט לאָזן...

פילסט זיך פאַרבריִדערט, אויף אייביק
מיט אלע וואָס וואַקסן, און בליען,
און מוטיקער ווערסטו, און גלויביק —
אין טאָג וואָס וועט אייביק זיך ציען...

טוליעסט זיך נענטער צו ד׳רערד,
אין צערטליכן שויס, פון דער מאַמען...
און זינגסט זיך, פריי אומגעשטערט
מיט אלע אין כאָר דאָ צוזאַמען.

„מאַראַוויאַס" .

אין מיין גערטל וואַקסן „מאַראַוויאַס":
וואונדער - שיינע, דופטנדיקע בלומען,
קומט באַגינען - שליכן זיי די וויעס,
און וואַכן אויף, מיט אָוונטדיקן קומען.

שפּרייזט די זון אריבער וועלט און גליט,
זיי שלאָפן שטיל, דעם אָטעם איינגעהאלטן...
די קעפּעלאך, ווי קנאָספּן אויפגעבליט,
אונטער גרינע בלעטלאך זיך באַהאלטן.

און אין אָוונט שפּרייטן זיי פאַנאַנדער
די בלעטעלאך, ווי ליפּעלאַך צום קושן;
ווי מיד דו זאָלסט ניט זיין, פון גרויען וואנדער,
באַלעבן זיי, צוריק מיט מוט, די חושים...

מאַראַוויאַס! בלומענדיקע שטערן!...
איר וואַכט מיט אָוונט, און פאַרשווינד, מיט מאָרגן;
עפּעס לאָזט זיך דיינקען מיר, און קלערן,
אַז דער סוד פון שטערן ליגט אין אַייך פאַרבאָרגן...

שטערן־בלימלאך, „מאראַוויאַס״!
אייער דופט האָט מיר געפאנגען;
און פון הארצנס־גרויע קריעס,
פלאַצן אויפעט די געזאַנגען.

זינג איך, איצט, מיט אייך, אין טונקל:
איך—מיט קלאַנג, און איר—מיט דופט;
דאָך דער זעלבער, העלער פינקל
צו די ווייטע־הויכן רופט...

נעמט מיך אַרום! שטילע בלעטלאך,
זאָלן מיר דער נאַכט פאַרזינגען;
און אונדזער בליענדיקע קול׳כלאַך
זאָל אין אייביקייט פאַרקלינגען...

שניט פון מאַים.

אַ שקיעה - ווינטל ברייננגט גרוסן,
פון פעלדער רייפע מיט מאַים;
די זון פאַרנויגט זיך, דאָרט צום קושן —
ביי זיי, די גינגאָלדענע פּיס...

אין גאָלדן בלעטער, איינגעטוליעט
רוט אַ קעפּעלע אַ ברוינע;
יעדער קערנדל — אַ פּערל,
נאָר די ערד פאַרמאָגט אַזוינע...

דער פּויער קומט, אין פעלד, צורייטן,
באַקוקט — שוין צייטיקע צום שניט;
און אַנטקעגן אים, פון ווייטן
שטויבן, קליינע קינדער - טריט.

וואָס געבראַכט האָסטו אונז טאטע
פון די פעלדער עפּעס נייס?...
און ער ענטפערט זיי, מיט שמחה:
אַ גרוס, פון דעם מאַיס...

ער ציט אַרויס פונ׳ם זאַטל
באַגילטע קעפּעלעך מיט קרויזן;
אַנטקעגן זונען - שקיעה,
גליען זיי ווי רויטע רויזן.

טאַנצן קינדערלאַך צופרידן—
ס׳אַראַ טייערער געשאַנק!...
און מיט די צינגעלעך, ווי גלעקלאַך,
קלינגען אויסעט אים אַ דאַנק.

ווערט, די שטוב, פאַרפולט מיט גליק,
מאָרגן, פאָרט מען, שניידן זיי...
און דער מאַמעס, בלאַסער, בליק
פּערלט אויף, ווי ווייסער שניי.

עפּעס זינגען היינט די ווענט,
דער דאַך, די ביינקלעך, און דער דיל;
אַ יום - טוב פרייד האָבן זיי דערקענט,
און אויפגעוואַכט, האָט אלץ צום שפּיל...

אַ שפּאַציר אין פרימאָרגן.

עס פינקלען נאָך שטערנדלאך, בלאַס, אין פאַרטאָגיקן הימל,
און איבער זיי אלעמען, גליט, דער שטערן פון מאָרגן,
די וועלט איז פאַרשלאָפן אין צויבער פון נאַכטיקן דרימל,
און מיר, אַ גרופּע פון שטעטל, שפּאַצירן זיך, מונטער אָן זאָרגן.

גייען מיר פריילעכע, זינגען, ריידן און פּלאַפּלען,
ווינטעלאך, ברענגען אונז, דאָרפישע פרישקייט, אַנטקעגן;
די בוימער, די גראָזן, טשוכען זיך אויסעט און צאַפּלען,
און אלעס אַרום הויבט אָן זיך מיט טאָג צו באַוועגן.

פלינק, אויפן פערדל, באַגריסט אונז אַ פּויער—
גוט מאָרגן,
און ווייטער פארשוואונדן, אַ שטויב אינטער זיך, נאָר געלאָזן:
איבער אונדז, האָט דער מזרח, די זון, נאָך געהאלטן פארבאָרגן,
נאָר זי—האט געפאָרבן שוין, וואָלקנס, אין רויטן און ראָזן...

ס'מעלקט פון דער זון, דער מזרח, די גילדערנע שטראַלן
און ס'כאפּט זיך אַ וועלט אַ פארשמאַכטע צום טרינקען;
מיר זיינען אין „פינקע", וואו שטראַלכעלאך מילך קלינגענדיק פאַלן,
און שמאנטענע אויגן, צו אונזערע מיילער שוין ווינקען.

מיר טרינקען די מילך, געוואַרעמט פון קיעשן הייטער
עס מחיה'ט דאָס האַרץ זיך, אין פרייע, אין
פעלדערשע לופט;
מיר באַדאַנקען, און לאָזן שפּאַצירן זיך, ווייטער,
וואו אַ וועלט פון מיליאָנען אָרקעסטערס זינגענדיק
רופט...

אַ שמאָלענקע סטעזשקע, צווישן געוויקסיקע גראָזן,
מיט פערל באַהאַנגען פון טויאיקן, פייכטן באגינען;
ביז די היפּטן פּאַרטונקטע, פאַרנעצטע פון טוי,
מיר זיך לאָזן,
דעם טייכל—וואָס ליגט דאָרט פאַרבאָרגן צווישן
די פּאַלמעס—געפינען.

ווי אַ זילבערנער פאָדעם, אין גרינע דיוואַנען,
פאַרוועבט,—
אַ קלאָרענקן וואַסער, אין טרוימען פאַרכּוד'עט
מיר האָבן געפונען,
יעדער טראָפּן פאַר זיך, האָט געצאַפּלט, געמיניעט,
געלעבט,
ווי ס'וואָלטן געוואָרצלט, אין אים דאָ, טויזנטער
זונען...

ביים זייט, אויף אַ סקאַלע, האָבן מיר דעם אויסטאָן
צולייגט,
און געלאָזן זיך גלעטן, און קילן, פון צאַרטינקן וואַסער;
איבער אונדז, האָבן פּאַלמעס, זייערע שאָטנס גענייגט
ווי זיידענע הילעס; און טייכל געוואָרן איז בלאַסער...

צוריק אָפּגעפּרישטע, ווי נאָר וואָס, אַט איצטער, געבוירן
מיר גייען אַ היים, ליכטיקע, גליקליכע זינגער;
פליקן מיר מאַנגעס, און מאַמאָנסיאָס, אונטער דעם הימל דעם קלאָרן,
און אַלץ אין אַרום, בלענדעט אַזוי—ווי וועלט וואָלט געוואָרן אויך אינגער...

טאַשן געפּאַקטע מיט מאַנגעס—אין די הענט מאַמאָנסיאָ - צווייגן
באַגלייט אונזער גאַנג אַ כודיאָ, און ס'פייפט אונז צו אַ טאָטי;
און אונטער דער גליאיקער זון, רייבן מיר איבער דעם שווייגן,
מיט אונזערע שווערע טריט, פון שיך פאַרפולט מיט בלאָטע...

אויפֿן וועג צו „פּוערטאָ פּאַדרע״

איבער דיינע „קאַמפּ׳ן״ זיינען מיר געפֿאָרן,
ס׳האָבן אונז די שטערן אין דער נאַכט געפֿירט;
און פֿאַר אונזערע אויגן, איז דער טאָג געוואָרן,
און אין רויטע שטרייפֿן, האָט זיך וועלט באַצירט...

טאָלן, בערג און פּאַלמעס, פֿאַר׳שיכור׳טע צעטאַנצט,
ס׳איז די פֿרייד צעגאָסן איבער גרינער וועלט,
פֿרישע מאָרגן - שטראַלן האָבן אונז באַקראַנצט,
און פֿון יעדער האַרץ, האָט אַ זון געקוועלט...

טרייסלט זיך דער אויטאָ, איבער שמאָלע וועגלאך,
און עס קלאַפּן צווייגן, אין די ווענט אַרום;
און פֿון אלע זייטן הערט מען צוויטשען פֿויגלאך,
דורך די שטילסטע גראָזן טראָגט זיך אַ געזשום.

חלום׳ט זיך אַ טייכל, אין וועלדל איינגעקניורעט,
און עס קוואַקען זשאַבעס, בײַ זיינע ברעגעס צו;
ווערט, דאָס קלאָרע וואסער, פּלוצלונג איינגעזשמורעט
אונזער פֿלינקער אויטאָ האָט צושטערט זיין רו...

שלענגלען זיך די וועגן, איבער בערג און טאָלן,
וויקלען אונז פֿאַנאַנדער, וואונדער פּאַנאָראַמעס,
וואו נעמט מען אָט די פֿאַרבן, אלץ צו קענען מאָלן
אָט די פּראַכט פון ווייטן, אין אַ קרוין פון פּאַלמעס...

לויפט פֿאַרביי אַ דערפֿל: פון ליים און שטרוי כאַטעס
אונז קוקן אָן פֿאַרוואונדערט, קליינע קינדער אויגן,
און אַמאָל דערזעט מען, שמייכלענדיק מולאַטעס—
שרייסט צו זיי פון ווייטן, און אָפּ! אַוועקגעפלויגן...

יאָגט דיך אָן אַ שטעטל מיט בלאָטעדיקע געסלאַך,
און דו זעסט דעם אָנהויב מיטן סוף צוגלייך;
ווענטעלאך פון ברעטלאך, און פון שטרוי די דעכלאך;
און אין מיטן געסל—כמורנעט גרוי, אַ טייך.

פלעכסטו זיך אין פעלדער, אין אַ פלינקן אויטאָ,
מיט אַ האַריץ פֿאַר'שיכור'ט פון דער וועלט אַרום...
פון דער ווייטן כישופֿט אַ גאָלדן זון, אַ רויטע
און אַ באַשטראַלטער—קערבט אַ היים זיך אום.

„פּוּערטאָ פּאַדרע״.

ס'האָבּן שטילינקע, קלייניגקע הייזער
בּיים בּרעג פון ים, זיך צעשטעלט...
ווייסינקע, רויטינקע, בּלויאינקע, גריניגקע
און קוקן, פאַרחלום'ט אין וועלט...

יאָגן זיך ווינטן, אריין, אין די געסלאך,
מיט ים'ישע פרייד אין דער בּרוסט...
פליקן דעם טרויער אַרויס פונ'ם האַרץ —
און צינדן אָן פייער פון לוסט...

הויבּן זיך שטויבּן, ווי גאָלדענע זוימען,
פון דרערד—צום הימל—געטראָגן...
וועבּן זיך הילעס פון פורפורנע רוימען,
ווען ס'הויבּט אָן, דער מאָרגן צו טאָגן.

און מענשן, פאַריאָגטע, וואָס שלעפן זיך אום
נאָך טאָגיקן יאָכן - פאַרשמאַכט...
פילן אַ נחת, אין שטילינקער רו,
ווען ס פּערלט אויף ראָזער פאַרנאַכט.

אין אָוונט פאַרוויגט זיי דער רוישיקער ים
מיט זיינע אור - אלטע, קינדערשע לידער...
און אין פרימאָרגן—וועקט ער זיי אויף
מיט ליכטיקע שטראַלן זינגענדיק ווידער...

און טרעפט, אַז אַמאָל, ווערט ער אין כעס,
טאַנצט ער אַרוים פון די ברעגן;
און לאָזט זיך אַריין, פריי אין דער גאַס
קיינער ניט שטעלט זיך, אַנטקעגן...

לעבט זיך דאָס שטעטל בשלום מיט אים;
טוליעט זיך צו זיינע וועלן;
און קינדערלאך שפּילן צעהוליעט ביים ברעג,
קוקן אַריין און זיי קוועלן...

אַ בלויאינקע לעגטע פון ים׳ישע זייד,
גאַרטלט אַרום אירע לענדן...
און אין יעטוועדער געסל, ביי יעטוועדאַר זייט
זעט מען דעם ים - ריז, זיך בלענדן...

„לאַ באַקאַ דעל מאַר"

אין דעם מויל פון ים
זיינען מיר געפאָרן,
איבער בלויע וועלן
פון דער זון באַגלייט.
אַ קליינינקע מאָטאָרקע
האט דעם צונג געשניטן,
און ס'איז ים געוואָרן —
אין בלוט פאַרגאָסן רויט...

אויף אַ קליינעם אינזל,
נאָנט פון פוערטאַ פּאַדרע,
אויף דעם גאָלדן זאַמד,
זיינען מיר געשטאַנען;
און עס האָבן וועלן,
ביי דעם ברעג געשריען—
זאָגט נאָר, געסט געקומען
זייט איר דאָ—פון וואַנען?

האָב איך זיי געענטפערט,
קיינער זאָל ניט הערן
ווי איך רייד מיט ים זיך

דאָ צונויף, צוזאַמען :
פון אַ קליינער שטעטל
זיינען מיר געקומען
ס'האָט דאָס האַרץ פאַרביינקט זיך
נאָך דעם רויש פון ימים...

אויף אַזוי !—טו זעצט זיך
אַלע, ביי די ברעגעס,
וועט איר הערן גרוסן,
פון די ווייטסטע ווייטן...
און אויף איר וועט נאָך וועלן,
וועלן מיר דערציילן ......
מעשה'לאך פול - וואונדער
פון די עלטסטע צייטן...

האָב איך, ים, געפּאָלגט
און זיך אַוועקגעזעצט
שטיל אַזוי פאַרטראַכט,
און ער האָט דערציילט...
ווען איך האָב אויפגעוואַכט,
האָב איך אין מיר דערפילט :
ווי עס האָט, פון האַרץ, —
דער וואונד זיך מיר פאַרהיילט ...

צווישן גרינע פאַלמעס.

אויף אַ שמאָלע וועגל,
צווישן גרינע פאַלמעס,
בין איך מיר געגאַנגען
אין פרי - מאָרגן - שעה.
זון—זי האָט געוואונקען
מיט אַן אויג אַ רויטע :
קום איך וועל דיר ווייזן
וואו דו האָסט צו גיין...

האָבן מיך די שטראַלן,
פאַר די הענט גענומען,
און געפירט צום טייכל
וואו דער וואַסער זינגט.
אָט, אָ דאָ, זעע זיך , —
האָבן זיי געוויזן ,
און מיט מיר , צוזאַמען
אין דעם טייך אַריין...

האָט די זון געפּערלט,
און דאָס האַרץ — געזונגען;
אין דעם טרוים פון וואַסער,
האָט דאָס ליכט געבענטש...

אַ טראָפּישע נאַכט.

אונטער אַ שלייער שפּאַצירט זי אַרום זיך אין הימל,
אַ הערבּסטיקער נעפּל האָט אַלענקע שטערן
פאַרווישט...
בּלויז איינזאַם, פאַרעלנד, שלעפּט זיך אַרום
ווי אין דרימל,
אַ בּלאַסע לבנה, אין מיטן דער נאַכט, ווי צומישט...

צווישן די צווייגן האָבּן זיך ווינטן באַהאַלטן,
טומלען, און רעש'ן, און שטערן די רו פון דער נאַכט.
כ'ווייס ניט פון וואַנעט האָבּן זיי אַ גרוס אַזאַ קאַלטן
אין וואַרעמען טראָפּיק, נאָך זוניקן טאָג - גלי,
געבּראַכט...

עס נעמט מיך אַ ציטער אַדורך מיינע וואַרעמע
גלידער.
כ'בּין שוין פון לאַנג פון קילינקן וועטער אָנגעוויינט;
און איצטער דערמאָנט מיך צוריק אַמאָל ווידער
דאָס לאַנד פון קעלטן און פרעסט וואו איך האָבּ
געוואוינט...

און כ'פיל אַזאַ ליבּע צו מיין נייאינקער, ליכטיקער
היים,
כ'טוליע זיך שטאַרקער נאָך צו, צו איר וואַרעמער
בּרוסט...

אַ קובאַ! געגרייט בין איך קושן דיין דיל פון ערד און פון ליים,
ס'האָט זיך מיר איצטער, אין נאַכטיקער־רו, דיך קושן פאַרגלוסט.

פון צווישן די גראַזן, זינגען אַרוים די גרילן,
אין דיר, האָט דער ליד, נאָך קיינמאָל אַ ווילע פאַרשטומט;
דו ביסט דאָך דאָס לאַנד, פון אייביק, אומענדליכן שפּילן,
דאָס קליינטשינקסטע פליגעלע, שטענדיק אַ לידעלע זשומט...

איז זינג איך אַ ליד, צו דיר, אין מיטן דער נאַכט,
און איך בין נישט איינער!—מיליאָנען נאָך, העלפן מיר מיט...
פליגעלאך, צוויגעלאך, גרעזעלאַך, שפּילן זיך זאכט,
און באַגלייטן דיינע דופּטיקע, שטילענקע טריט...

פאַרנעם מיין געזאַנג! טראָפּישע, טרוימישע נאַכט;
איך גיב דיר מיין האַרץ, מיט אלענקע סטרונעס אין איר,
און ווען דו פאַרלאַנגסט — שטענדיק צו זינגען זי וואַכט
בלויז מיט איין פינגער, גיב נאָר אַ קליינטשינקן ריר...

דערהערן וועסטו, דעם רוישיקן, שפּרודלענדעם קלאַנג
וואָס רייסט פון מיין ברוסט, מיט קינדערשע ליבע אין איר;
קובאַ! מיין מוטער! איך בין דאָ געבוירן נישט לאַנג
דאָך טויזנטער יאָרן, וואָרצלט מיין ליבע צו דיר...

דער בינעזער.

אָזונט־שטילקייט ווערט צוריסן
פון אַ גלעקלדיקן קלאַנג,
און די קינדער אים באַגריסן
מיט אַ פריידיקן געזאַנג.

געל ווי פאַרמעט, הויט און ביינער
און אַ קערבל אין דער האַנט;
עס דערקענט אים יעדער איינער
פון דער ווייטן, ווען ער שפּאַנט.

מאַני! מאַני! פאַר אַ סענט׳ל
קלינגט ער מונטער, גלין, גלין, גלין.
און אַ צאַרטע קינדער־הענטל,
לויפט מיט שמחה פון דעם „טשין״.

טיילן קינדער זיך מיט קערנער
ס׳אַ מחיה, קרוכלע, זיס;
ווען עס וואָלט געווען נאָך סענטן,
וואָלט דאָך גוט געווען, געוויס...

ריידן קינדער זיך צוזאַמען,
און מ'לויפט אַ היים געשווינד;
יעדער, בעט זיך, ביי דער מאַמען —
גיב אַ סענט'ל מיר אַצינד.

קלינגט דער גלעקל, פון דער ווייטן,
גלין-גלין, גלין-גלין, גלין-גלין-גלין...
און עס יאָגן נאָך דעם גלעקל
חברה-שטיפערלאַך א הין...

און זיי רינגלען אים אַרומעט
מיט אויסגעשטרעקטע פינגער;
און ס'דוכט זיך אויס, דער אַלטער
איז אליין געוואָרן אינגער...

טיילט ער טוטלען מיט מאַני,
ווי אַ זיידע איבערגעבן;
און ער ווינשט זיי טיף פון האַרצן—
אַ געזונט אין אייער לעבן...

פון אָריענטע.

פון אָריענטע יאָגן ווינטן
איבער שרפה׳דיקע פעלדער,
פון די ברענענדיקע קאַניע
נעבן פאַלמעדיקע וועלדער

ווערט מיר ליכטיקער אין מוח,
און עס העלערט אויף אין האַרצן;
שווינגען טענער אויף פון טרוימען
אין מיין צימערל, דעם שוואַרצן...

און עס שטראַלט פון מיר אַ ליד—
דורך די פונקעדיקע שפריצן
אין דער טיפעניש פון הימל,
ווי אַ טאַנצעניש פון בליצן.

שניידן שורות, ווי די שווערדן,
שטיקער נאַכט אויף אַלע זייטן;
איך וועל וועלטן פון דער פינסטער
אויף דער ליכטיקייט, פאַרבייטן...

פון אָריענטע לויפן ווינטן
און זיי ברייננגען מיר דעם ליד,
פון פלאַקערדיקע פעלדער
מיט פונקעדיקע - צווייט.

באַשירמט מיר טראָפּישע צווייגן.

באַשירמט מיר טראָפּישע צווייגן,
מיט אייער קרוין - אַרטיקן שאָטן,
ס'האָט מיך בייטאָגיקע זון,
ווי גליאיקע קוילן צעבראָטן.

באַשירמט מיר טראָפּישע צווייגן,
פאַרהילט מיר אין אייערע קרויזן,
ווי צייטיקע, שוואַרצינקע יאָדרעס
אין האַרץ פון פלאַמיקע רויזן.

באַשירמט מיר טראָפּישע צווייגן,
און זאָל איך אַ ווײַלע פאַרגעסן
פון אלע די פּײַנליכע וואונדן
וואָס האָבן אין האַרץ זיך פאַרזעסן.

באַשירמט מיר טראָפּישע צווייגן,
לאָזט מיר אַליין זיך אויסשפּילן
דעם ליד פון פאַר'כישופ'טן שווייגן
אין צויבער פון געטליכע - שטילן...

באַשירעמט מיר טראָפּישע צווייגן,
לאַנג, קען איך דאָ ניט פאַרבלייבן;
עס יאָגט אָן אַן אויפהער דער לעבן
ווייטער, אלץ ווייטער, מוז טרייבן...

באַשירעמט מיר טראָפּישע צווייגן,
ביז זון ווערט פון הימל פאַרשווינדן,
און נאַכט ווערט מיט בליאיקע שטערן
אין האַרץ—אויך מיין שטערן אָנצינדן...

באַשירעמט מיר טראָפּישע צווייגן,
איך וויל נאָר,—אַ תפלה אַ קליינע
צוזאַמען, מיט אייך דאָ אויסמורמלען
אַ תפלה, אַ קלאָרע, אַ ריינע.

באַשירעמט מיר טראָפּישע צווייגן,
די וועג איז אַ שטויביקע, גרויע;
און וועל איך אַמאָל דאָ פאַרבייגיין...
ווער ווייס צו איך וועל, שאָטן, זיין ראוי.

צוריק צום ים.

צוריק צום ים בין איך געקומען ,
כ'האָב געבענקט נאָך אים פון ווייט;
ס'האָט געצויגן צו די בלומען,
פון דעם ים אַרוים וואָס שרייט...

יעדער וועלכל, איז אַ בלימל,
יעדער בלימל, איז א וואַל;
שפּילן זיי זיך אין געווימל—
פון געהויב, און פון געפאַל.

אויף די פעלדער זינגט די פויגל,
אויף דעם וואסער זינגט דער שוים ;
פאַלט די פויגל אין דעם שטייגל
און אין וואַסער,—פאלט מיין טרוים...

שפּין איך פון די שטילע שטראַלן ,
וועלכע פאַלן אין דעם ים—
פרייהייטס - לידער, וועלכע שאַלן
הויך, און מעכטיק, דורכ'ן צאַם...

רוישן קלאַנגען, פון געזאַנגען,
איבערהאַנגען, איבער וועלט;
ס׳האָבן ברוויזיקע פאַרלאַנגען
ווי קריסטאָל ריין, זיך צוהעלט,

און ס׳ווילט זיך מיר אַ שווים טאָן
אין דער וויטסטער ווייט אַריין;
און אַ בליק טאָן, און אַ זונג טאָן
און אַ טאַנץ טאָן אין דעם שיין...

ים! איך האָב פון דיר געחלום׳ט.
ים! איך האָב נאָך דיר געביינקט;
נאָך די שטורמישע טייוואָלים
וואו די סקאַלע ווערט געשווינקט...

דורך די ווינטן, האָב איך גרוסן
דיר געשיקט פון קאַניע - פעלדער;
און געבראַכט האָב איך דיר קושן
פון די זינגעדיקע וועלדער.

איך וואַרף אַראָפּ די גרימען.

אין ים זיך לאָזן שווימען,
אין זונג—פון אייביקייט;
איך וואַרף אַראָפּ די גרימען
און ווייז מיין נאַקעטקייט
אַזוי ווי ס'האָט מיך מאַמע,
אַ פּיצל קינד ביים זייט,
געקושט, געגלעט, געלאַשטשעט
אין פרומער ערשטלינג - צייט...

נעמט מיר אויף, איר וועלן!
און טראָגט מיר וואו איר ווילט,
כ'האָב דעם זיין פון לעבן
איצט אין מיר דערפילט...
ווי אַ פאַרשפּאַרטער קוואַל
וואָס רייסט אויף צוברילט,
אַזוי האָט אין מיין האַרצן
אַ פלאַם, זיך איצט צעשפּילט...

גענרייט בין איך צו שלאָגן —
מיט אלע ווערן גלייך,
ווי זיי, די קעפּ. אָן פעלז
צושמעטערט, און פאַרלאָרן...
ווי זיי—די ווייסע שוימען,
איך—מיין רויטע בלוט
געגרייט בין איך צום שפּריצן
ביזן סוף פון מיינע יאָרן...

אָ, נעמט מיר אויף איר כוואַליעס!
שליסט מיר, ווערן איין! . .
זיין וועל איך, ווי אַ קינד ,
געטריי דיר, מאַמע - ים !
און שלאָגן וועל די ברעגעס,
און טאַנצן אין דיין גרונט ,
און פליען מיטן שטורעם
ווי פונקען מיטן פלאַם.

געזאַנג פון טאָג.

ווייס ווי מילך דער הימל
קלאָר ווי שמאַנט דער ים;
און די זון ווי אַ בלימל
שיינט אַרויס פון פלאַם.

ס'איז דער טאָג געקומען
אויף מאַסט'ן פון די שיפן;
צו ערשט, האָבן זיי פאַרנומען
די רויטע, זונען - טריפן...

און איצט, איז לויטער, קלאָרקייט
איבער וועלט צעגאָסן,
אין דער בלויער לופט—
ווערט דיין האַרץ צעפלאָסן.

און עס ציט צום זינגען —
כאָטש נעם, און ווער אַ פידל;
עס זאָל דער וועלט פאַרקלינגען
דיין פייערדיקער לידל...

עס זינגט דער וואַסער טראָפּן,
עס זינגט דער זונען - שיין;
און אויך די פּאַלמע - לאָקן—
געצוואָגן אין מאָרגן - שיין.

עס זינגט דער זאַמד, דער שטויב,
עס זינגט דער טוי, דער גראָז ;
און אויך—די שטומע טויב
אין דעם העלן גאָס...

עס זינגט דער גרויער באַרג,
עס זינגט די גרינע פעלד;
און אויך - אויף באַרגיק קאַרג
דער אויסגעטרויםטער העלד...

עס זינגט די העכסטע - הויך,
עס זינגט די טיפסטע - טיף ;
און אויך—דער שוואַרצער רויך
פון וואָגלענדיקער - שיף...

עס זינגט דער שוואַרצער שקלאַף,
עס זינגט באַפרייטער קנעכט;
און אויך די שטילע האַרף
ווען דאָס האַרץ זיך ברעכט...

עס זינגט דער האַמער - קלונג,
עס זינגט דער קאַסע־שאַרף;
און אויך דער העלער פונק
ווען זיין ליכט, ס׳דאַרף...

לייכט און גיי ניט אוים.

עס רופט די נאַכט
אין העלן - טרוים—
קומט, צו מיר אויף רו;
אויף לאָנקעס גרינע,
אויף פעלדער ברוינע
קומט! ניט פרעגט, אַוואו...

כ'האָב אַ כאָר
פון זינגער פיל:
אינזעקטן, פראָשן גרילן;
זאָגט מיר נאָר
וואָס איר ווילט—
וועלן זיי שוין שפּילן...

ליכטיק איז,
אויף אַלע וועגן—
פון שטערן, הויך געצונדן;
יעדער קען זיך
פריי באַוועגן,
קיינער ניט געבונדן...

און האָסט אַ האַרץ
טו, זינג אַרויס
אַלץ, וואָס דריקט אין איר;
פריי ווי טייך
וואָס טאַנצט אַרויס
ביים ערשטן פרילינג שפּיר.

ס'איז אַלץ געגרייט
פאַר דיר צום דינסט,
קום מיט שטאָלץ און נעם!
צו דאָ, צו דאָרט,
אַ וואו דו ביסט —
פאַרגעס פון טרויער-קלעם

די וועלט—איז ליכט,
און מענש—איז שטראַל
וואָס קומט, פון ליכט אַרויס
אין דיין טיפסטן
נידער-פאַל
לייכט—און גיי ניט אויס...

אָוונט.

אָוונט פיינער, אָוונט ליבער, אָוונט קילער, אָוונט
שיינער,
וויפל הייזער, וויפל שטיבער, זיינען אָנגעפילט
מיט ביינער
פון פאַריאָכטע אין פאַבריקן, אונטער טאָגעדיקע
שקלאַפונג,
אויסגעדאַרטע, אויסגעקוואַרטע, פון מאַשינען
האַסטיק־שאַפונג.

אַלע וואָלטן איצט מיט שמחה, אין דיין צויבער
אומגעוואַנדלט,
ווען דער מאָרגן זאָל ניט רופן מיט די אירזשענדיקע
קוימענס
וואָלט יעדער איינער, מיט זיין חבר, מיט זיין מיידל,
מיט זיין כלה—
שטיל, געטוליעט ביי אַ בוימל, צו דיין פראַכט,
געזונגען הימנ'ס...

ליגט דער טאַטע אויפן בעטל, און דער זון, ליגט
אויף דער צווייטער,
און די מאַמע שרייט: זייט שטילער! לאָזט זיי
שלאָפן! לאָזט זיי שלאָפן!
און די קליינוואַרג וואָלטן וועלן, נאָך אַ ווײַלע
אונטערשטיפן,
ווי די שטיפערלאַך די שטערן, ווייט אין הימל,
וואָס אנטלאָפן...

כראָפּעט מען אין הויז, פאַרשטיקטע, ווען דער
דרויסן איז צופרילינגט,

און דער אָוונט איז צעגאָסן, אין זיין מלכות'דיקער
פראַכט,

וואָלט דאָך גוט געווען, שפּאַצירן אין דעם
בשמים'דיקן דרויסן

ווען די אַרבעט פון באַגינען, וואָלט אין שטוב זיי
ניט פאַרמאַכט...

אָוונט פיינער, אָוונט ליבער, אָוונט זיסער, אָוונט
שיינער,

וויפל מענשן, אין די הייזער, רוען אָפּ די מידע
ביינער,

און זיי ווייסן ניט, פון שיינקייט, וואָס איז איצט
אין וועלט צעגאָסן,

און מיט שרעק פון מאָרגן - פייף, האָבן אויגן זיך
פאַרשלאָסן.

II

ליכט און שאָטן.

מיין נשמה'דיקן ברודער
--צבי שפּירא—אַ מתּנה.

דער מאָרגנשטערן.

איינס נאָכ'ן צווייטן, איינס נאָכ'ן צווייטן
פאַרשווינדן אין הימל די שטערן;
נאָר איינער פאַר'עקשנ'ט, אַליין ביחידות
וואַרט, ביז ס'וועט ליכטיקער ווערן...

דער ערשטער האָט ער די ליכטיקע בשורה
פון טאָג אויף דער וועלט, דאָ געבראַכט;
ווען אַרום האָבן גייסטער, אין כישוף געשפּונען
די פעדים, די שוואַרצע, פון נאַכט.

קיינער געגלויבט האָט, אין זיינע נביאות—
ער פּלאַפּלט, זיי האָבן געלאַכט;
די נאַכט וועט שוין קיינמאָל, אָ קיינמאָל פאַרשווינדן
האָט יעדער ביי זיך טיף געטראַכט.

נאָך מערער צו שטיפן, מיט ליכטיקע טרוימען
האָבן זיי זיך אין הימל פאַרנומען;
ס'וועט קיינער ניט שטערן, ס'וועט קיינער ניט צוימען
ניט וואָגן צו אונז אַרויפקומען...

שטיל האָט אין מזרח אַ פונק זיך צוגליט,
דער האָריזאָנט האָט גענומען אויפהעלן;
זיי האָבן דערפילט די זוניקע טריט —
מיט סעקונדע—אַלץ מעדער שוין פעלן...

איינס נאָכן צווייטן, איינס נאָכ׳ן צווייטן,
פארשווינדן פון הימל די שטערן;
נאָר איינער פאַר׳עקשנ׳ט, אליין ביהידות
וואַרט, ביז ס׳וועט ליכטיקער ווערן...

טשוכע זיך.

טשוכע זיך, טשוכע זיך, יונגער באַגינען,
וויש אויס דיינע אויגן, די הימלישע, בלויע;
דערזען וועסט אַ וועלט אַזאַ ליכטיקע מיניען
אין גרינסן פארמונקטע, מיט שטעגעלעך גרויע...

טשוכע זיך, טשוכע זיך, יונגער באגינען,
אויף דיר וואַרטן סטרונעס, געגרייטע, צו שפילן;
און וועסטו די טענער, פון פריידן אויסשפינען—
וועלן די קלאַנגען, דער וועלט שוין פאַרהילן...

טשוכע זיך, טשוכע זיך, יונגער באַגינען,
עס רופן די ריחות פאַר'כישופ'ט אין דרויסן,
אין ליכט פון דעם טאָג וועסטו אַלעם געפינען;
אויף יעדוועדן טראָט, וועט אַ קלאַנג דיר באַרוישן.

טשוכע זיך, טשוכע זיך יונגער באַגינען,
אַ שאָד איז אַ ווײַלע פון טאָג צו פאַרלירן
ווען ס'באָדן זיך שטראַלן אין ערדישע גרינען,
און פאַרביקע בלומען—ווי שטערן, באַצירן.

טשוכע זיך, טשוכע זיך, יונגער באַגינען,
איך וועל דיר אַ סוד, פון האַרצן, פאַרטרויען;
ניט שטענדיק, ניט שטענדיק, וועסטו מיר געפינען
דאָ זיצן און ווארטן, אין האָפענונג—בלויען...

טשוכע זיך, טשוכע זיך, יונגער באַגינען,
אויך מיר, וועט די צייט, אין גרויען פאַרהילן;
אָ, זאָלסטו ביי דיר, אין דיין ליכטיקן זינען —
מיין נאָמען כאָטש טראָגן, אין לידער, אויסשפילן...

פינף מינוט אינגאַנצן.

פינף מינוט אינגאַנצן—
און דער ים, ער ברענט שוין,
און דער טאָג, ער טאַנצט שוין,
און די שויבן גלאַנצן,
פינף מינוט אינגאַנצן.

פינף מינוט אינגאַנצן,
ווי די זון באַגינענט;
און פון אלץ שוין מיניעט,
וועקט און רופט צום טאַנצן
פינף מינוט אינגאַנצן.

פינף מינוט אינגאַנצן
ווי ס'איז נאַכט פאַרשוואונדן;
און שוין אלץ צעצונדן
מיט פאַרהיילטע וואונדן...
פינף מינוט אינגאַנצן.

פֿינף מינוט אינגאַבצן
און סע פֿליִען רויבֿען,
און פֿאַרוואַרפֿן טרוימען
איבֿער שוואַרצע צויבֿען...
פֿינף מינוט אינגאַנצן.

פֿינף מינוט אינגאַנצן
ווי ס׳איז טאָג געוואָרן;
און מיר דוכט אַז יאָרן
האָבֿ איך שוין פֿאַרלאָרן,
פֿינף מינוט אינגאַנצן.

צוואָג מיר אויס אין דיין טוי.

צוואָג מיר אויס אין דיין טוי,
ליכטיקער, בלויער, באַגינען;
דו וועסט זיי, אין מיינעם אַ ליד,
שפּעטער, ווי פּערל, געפינען.

איך וועל זיי פאַרבאַלטן אין זיך,
אין קאָך פון מיין בלוט איבערזידן
דאַן וועל איך זיך נעמען אויף גיך
פּערזן, פון פּערל - טוי שמידן...

וועלן זיי בלענדן ווי שטרייפן,
פון זונען אין הימל געצונדן;
כ'וועל זיי ניט אויפערן שלייפן
כאָטש בלוטיקן וועלן די וואונדן...

ביז אין ליד וועט יעדער געפינען
די וועלט אַזוי ווי זי איז
אָט איצט, אין העלן באַגינען
אין גאָלדענעם, טאָניקן - ריס...

שורות—קריסטאַלענע שטראַלן,
געפלאָכטן פון העלע געוועבן;
אַוואו זיי זאָלן ניט פאַלן
וועלן זיי אויסבריען לעבן...

צוואָג מיר אויס אין דיין טוי
ליכטיקער, בלויער באַגינען;
זיי וועלן פאַרלאָרן ניט גיין
דו וועסט זיי, אין לידער געפינען.

די לופט איז אָנגעפילט מיט קלאַנגען.

די לופט איז אָנגעפילט מיט קלאַנגען,
די נאַכט איז שוין פון לאַנג אַוועק;
דער טאָג פאַרהילכט מיט די געזאַנגען—
דער וועלט, וואָס פרילינגט אָן אַ ברעג.

דער ים פאַרשלינגט די זונען־שטראַלן,
און שפיגלט זון אַליין פון זיך;
און וואו אַ שטראַל ווערט נאָר פאַרפאַלן
זונ'ט ער אויף צוריק אויף גיך...

די בערג, זיי שטייען שטום, פאַר'כוד'עט
זיי גייט ניט אָן—דאַכט זיך—די ליכט;
דאָך זעט נאָר ווען די נאַכט פאַרקליידעט.
ווי טונקל טרויערט, זייער געזיכט...

די טאָלן, שטענדיק דאַכט זיך שוואַרצן,
עס קומט קיין שיין צו זיי ניט צו;
דאָך דרינגט אַריין ביי זיי אין האַרצן,
דערזען וועט איר די ליכט אין רו...

די וועלט איז אָנגעפילט מיט קלאַנגען,
דער גראָז, דער שטויב, ער פילט זיי אויך;
און אין קנויל פון די געזאַנגען—
דערהויבט זיך וועלט, צו זונען-הויך ...

דער טאָג האָט זיין האַרץ צעעפנט.

דער טאָג האָט זיין האַרץ צעעפנט
אנטבלויזט פאַר אַלעמען פריי ;
און האָט וואו געיאוש׳ט דעצעמבער
זינגט צוריק אויף דער מאַי.

וואו אומעט, וואָס אומעט, ווער אומעט?
עס רופט צוריק צום טאַנץ,
טויזנטער ליכטיקע שטראָמען
פאַר׳שיכור׳ן דיר מיטן גלאַנץ.

פריי זיינען אלענקע וועגן
אַוואו נאָר דו לאָזט זיך צום גיין,
ווּעסטו שוין טרעפן אַנטקעגן—
פעלדער באַגאָסן מיט חן.

גראָזן, בלומען, און בליטן
וויקלען אַרום זיך דיין טראָט,
און פויגלשע כאָרן באַשיטן
מיט קלאַנגען פון הימלישן סוד.

דערפילסט זיך אַליין ווי געפאַנגען
אין בלענדיקן צויבער פון פריי;
עס שטראָמען פון האַרץ די געזאַנגען
צום ליכטיקן יוגנט־באַגיי.

קוועלסטו מיט אלעגקע קוואַלן,
און יאָגסט זיך מיט זיי, אין גאַלאָפּ,
דערהערסטו פון וויטן אַ שאַלן
פון מענשן וואָס הויבן דעם קאָפּ...

לאָזטו פאַנאַנדער די פינגער
איבער די סטרונעס צו שפּילן,
פון וויטן די ליכטיקע זינגער
אין זייער געזאַנג, דיר פאַרהילן.

שפּילסטו דיין אייגענעם טרוים,
אין טרוים פון וועלט'אַל אַריין,
און שפּילנדיק גלויבסט זיך דיר קוים,
אַז דו ביסט אַליין גאָר דער שיין.

מײַן כּוס.

אַלע הױבּן הױך די כּוסות,
אַלע קלינגען אָפּ מיט פרײד;
װאו איז כּוס פאַר מיר געגאָסן?
װאו איז כּוס פאַר מיר געגרײט?

קײנער װײס ניט װאָס צו זאָגן;
קײנער װײס ניט װאו ער איז,
איך אין יאוש מוז זיך פּלאָגן;
אין דער מיט פון פרײדן רים.

װער האָט כּוס מײנעם פאַרבּאהאַלטן?
װער האָט כּוס מײנעם באַרױבּט?
מעג ער זײן מיט װײן פארגאַלטן;
גיט מיר כּוס, — איך בּין געגרײט...

איך װעל טרינקען גלײך מיט אַלע,
כאָטש דאָס איז גאָר סם פאַר מיר;
נאָר ניט בּלײבּן אײנזאַם סקאַלע
װען אַלע טרינקען אַרום דיר.

אָט אַזוי, זאָל זיין געטרונקען!
און לחיים ברידער אײַך!
ס'איז מיין גלויבן ניט געזונקען –
נאָר ער טובל'ט זיך אין טייך...

כ'האָב דעם כוס פאַר מיר געקראָגן,
נאָר מ'זאָגט מיר עס איז סם;
איך וועל טרינקער בלייבן ליגן
דאָ אַ טויטער מין הסתם.

נאָר דאָס וועט מיך ניט אָפּשרעקן,
כוס דערנענטערן מיט מוט;
און אויב ס'וועט מיר סם ניט קלעקן
וועל איך אויסשרייען מיט וואוט:

גיסט וואָס מערער, כוס נאָך כוס!
ס'זיסט דער סם, דעם לעבנס-פּיין;
אין דעם לעבנס פלינקן גאָס
איז אַלץ דאָס זעלבע—סם צו וויין...

עס זינגט מיר די פעדער צווישן די פינגער.

עס זינגט מיר די פעדער צווישן די פינגער —
וואָס עלטער אין יאָרן, — אַלץ אינגער, אַלץ אינגער;
ווי נאָר וואָס געבאָרן — אַ ליכטיקער זינגער
פון שרפה'יקע ים'ען, מיט פלאַמיקע צינגער.

און וועלט — אַזאַ ראָזע, מיט מענטשן ווי טויבן,
נעכט — ווי חלומות פון צייטיקע מוידן,
וואָס טרוימען פון העלדן מיט שטאָלענע אָרעמס
ביינאַכט פון די בעטן, די ליבסטע באַרויבן...

טעג — ווי באַגינענס, אַף טייכן צושפילטע,
פון גאָלדענע זונען אויף הימלישע לירעס,
וואָס זינגען דעם זמר פון בלאַסע מתמידים
אין שפראָץ פון באַגינען, נאָך נאַכטיקע שמירות.

און ס'ווילט זיך די אָרעמס אויף וועלטן פאַרוואַרפן,
און דריקן זיי אַלע צו ליכטיקער ברוסט!
און פילן, דערשפירן אַ בליאונג אַ נייע,
וואָס ביז איצט נאָך קיינער פון דעם האָט געוואוסט.

אָ, שטערן! וואָס שטערן, מיר זייגען דאָך שטערן
אַלע אויף ערד, דאָ צעלויבטענע, הייגט:
גיט נאָר אַ קוק בײַ זיך אין די אויגן—
דערזען וועט איר שטערן פון זיך אַרויסשייגט.

אין האַרצן איז פרילינג! אַ בליאונג! אַ שפּראָצונג!
יעדער ווייל איז אַ קנאָספּ, יעדע שעה איז אַ בלום;
פאַרצויגן זאָל ווערן נגונים אויף מאָרגן!
אין בליאונג פון וועלטן ניט זיין זאָל מען שטום.

ווי לאַנג וועט עס בליען? זאָל קיינער ניט פרעגן!
נאָר טאַנצן, נאָר שפּרינגען פאַראויס אין דער הויך,—
ביז וואַנעט מיר וועלן דערגרייכן די ברעגעס
צו פערלדיק גרונטן, אַלץ טיפער נאָך טויך.

וואו נעמט מען אַ האַרץ די פרייד צו פאַרנעמען
פון טויזנטער קוואַלן, וואָס שטראָמען צושייגט?
אָ! זאָלן מיר ברידער זיך אַלע אַרומנעמען
און טרינקען פון לעבן פאַר'שכור'טע הייגט.

מיט אַ מאָל גיט אַ זונג.

מיט אַ מאָל גיט אַ זונג עס אין האַרץ —
דו ווייסט ניט, פון וואַנענט, פון ווען,
אַט דאַכט זיך, אַרום איז נאָך שוואַרץ,
און דו — האָסט דאָס ליכט שוין דערזען...

יעדערער פרעגט דיר: וואָס איז?
וואָס שטראַלט עס דיין פּנים פון פרייד?
איך ענטפער — אַזוניקער ריס
פון ווייטן אַ ליכטיקייט שפרייט...

זיי קוקן אַרום זיך, אַרום,
וואָס רעדסטו? וואו זעסטו דאָ ליכט?
די נאַכט אַ פאַרפינסטערטע, שטום
טרויערט מיט שוואַרצן געזיכט.

איך לאַך זיי אין פּנים אַריין —
בלינדע! גלויבט איר ניט מיר?
אין האַרץ האָט דערגרייכט שוין דער שיין,
פון׳ם ערשטן שטראַלכעלעס ריר...

און באַלד וועט איר פילן אין זיך
אַליין, אויך דעם זעלביקן שיין;
פאַרפלעכט נאָר דעם אייגענעם איך—
אין דער ליכט, פון וועלטן אַריין...

דערפילן וועט איר אַזאַ פרייד,
וואָס קיינמאָל ביז איצטער געוואוסט;
און יעדער, פון אייך וועט זיין גרייט
צו טוליען דער וועלט צו זיין ברוסט...

ברידער! די וועלט איז אין מיר!
איך פיל אין דעם פולס פון מיין בלוט
אַ טאָג מיט אַ העלן געציר
פאַרבאָרגן אין חושך'ניש רוט.

מיט אַמאָל גיט אַ זונג עס אין האַרץ,
איר ווייסט ניט פון וואַנענט, פון וואָס;
פלוצלונג, פון נאַכטיקן שוואַרץ—
זינגט אויף אַ זוניקער־גאָס...

יוגנט.

ווען אין האַרצן שפּילן פידלען,
און דו ווערסט צום טאַנץ גערופן
דאָס איז יוגנט!
ווען די אויגן בליקן, בליצן,
און ס׳ווילט זיך פליען פּרוּאוון —
דאָס איז יוגנט!

ווען עס לייכטן דיר די זונען,
אָן אַן אויפהער אין דעם הימל—
דאָס איז יוגנט,
ווען עס זינגען דיר די שטערן,
און עס רעדט צו דיר דער בלימל
דאָס איז יוגנט!

ווען עס קושן דיך די וועגן
די פאַרשטויבטע וואַנדער טריט—
דאָס איז יוגנט!
ווען עס פרייליגגט דיר דיין לעבן,
און עס בליט אַרום מיט צוויט —
דאָס איז יוגנט!

ווען עס צאַפּלט די געליבטע,
אין דיינע אָרעמס איינגעשלאָסן —
דאָס איז יוגנט !
ווען אַ ים פון קינדער - פרייד,
ווערט אין האַרץ אַריינגעגאָסן
דאָס איז יוגנט !

ווען עס זינגט זיך דיר אַ ליד ,
און דו ווייסט גאָר ניט פון וואַנען
דאָס איז יוגנט !
ווען דו פילסט אין דיר אַליין ,
שוועבן טרוימען אויף, ווי שוואַנען —
דאָס איז יוגנט !

ס'בליצט ביים האָריזאָנט.

ס'בליצט ביים האָריזאָנט,
אויף בערגער טאַנצט אַ שיין;
אין · שכות הימל מאָנט—
מיט בליץ אין נאַכט אַריין...

צו מאָנט ער ביי דער ערד
דעם טאָגעדיקן גלאַנץ ?
ווען קיין זאַך ניט פאַרקלערט
נאָר אַלץ אין זונען - טאַנצט.

אָדער גאָר פאַרקערט,
ער בעט ביי איר, די רו
פון דער שטאָט וואָס שטערט,
און לאָזט אַן אויג ניט צו...

כ'ווייס ניט וואָס, דאָרט, ווייל
דער הימל פון דער נאַכט—
צו איז דער בליץ, אַ שפּיל
צו גאָר אַ טייוול-של'אַכט ?

ניט אַלץ קען מען יענעם דערציילן.

ניט אַלץ קען מען יענעם דערציילן,
דערציילסטו—וועט ער ניט פאַרשטיין;
עס קען דיר ניט קיינער פאַרהיילן
דעם וואונד, וואָס דריקט דיך אַליין...

מוזטו אַליין, אין זיך ליידן
און טראָגן פאַרשטיקט אים אין ברוסט,
און פריינטליכע אויגן אויסמיידן,
וואָס כלומרשט דיר העלפן גלוסט...

פאַרשליס זיך אויף אַלענקע שלעסער!
צו קיינעם זאָל ווי, דיינס, דערגיין —
אין איינזאַמקייט, פּיין, ווערט נאָך גרעסער,
דאָך לייטערסט אין פּיין—זיך אַליין...

און גרינגער, אין האַרצן, ווערט טרויער
וואָס האָט דיר געמאַטערט אין זיך;
פאַרצאַמט האָסט אַרום זיך אַ מויער,
און פריי איז געוואָרן דיין איך...

ווער בין איך דאָ?

ווער בין איך דאָ? אַ שטויבעלע!
אין זאַמדיקער טאָרנאַדע;
טרייבט דער ווינט מיליאַרדן אונז,
אַ פינסטערע גרומאַדע...

צו וואָס? צו וועמען? מיר ווייסן ניט!
מ׳פרעגט אונז ניט—און ווייטער...
אָפּגעמעקט ווערן אונזערע טריט,
פון פלאַקערדיקן שייטער...

דורות הין, און דורות הער
געוואַנדערט, און געוואָגלט;
פאַרבליבן אין קיין איינציק-טרער
פון פיין וואָס האָט געהאָגלט.

און אויך פון אונז וועט זיין אַזוי,
אין צוקונפטן, אין יאָרן;
אַ דור פון גסיסה׳קן געשריי,
וועט גיין, אין צייט, פאַרלאָרן...

טו וואָס איז מיר פון היינט דער זונג,
פון נעכטן, און פון מאָרגן?
ווי אַ טויבער עכאָ־קלונג
אין חלל ווערט דערוואָרגן...

און נאַריש איז דער טרויערן,
און אומזין איז דער קלאָגן, —
ווען קיין זאַך וועט ניט דויערן,
צו וואָס, אַליין, זיך פּלאָגן?.

גיט אַ שיין אַרויס די זון,
דאַרף מען איר דערפילן;
ס'איז אויף ליכטיקן געשפּין —
אַ ווײַלע, גוט צו שפּילן...

און שלינגט דיר אײַן אַ שוואַרצע נאַכט
איז אויך זיך ניט געשראָקן! —
אין, אומענדליכן, וועלטן־שלאַכט
פאַלט אָפּ, נאָך אַ זקן...

ס'טרעפט אַמאָל.

ס'טרעפט אַמאָל, דו ווייסט ניט אַליין
פון וואַנענט, פון ווען, און פון וואַס; —
קוועלט אויף אַ ניגון, דין און ריין,
ווי אַ הימלשער, געטליכער - גאַס...

ס'טרעפט אַמאָל דו ווייסט ניט אַליין
פון וואַנענט, פון ווען, און פון וואַס—
ס'פּלאַצט אויף אַ יאָמער, אַ ווילדער געוויין,
ווי אַ האַרץ וואָלט געפּלוטיקט, פון שאַס...

ס'טרעפט אַמאָל דו ווייסט ניט אַליין
פון וואַנענט, פון ווען, און פון וואַס,—
עס דריקט אויף דיין האַרץ, אַ ריזיקער שטיין
קלעמט דיר, און שטיקט אין פאַרדראַס...

ס'טרעפט אַמאָל דו ווייסט ניט אַליין
פון וואַנענט, פון ווען און פון וואַס,—
עס ציט דיר, און שלעפּט דיר, צו גיין, נאָר און גיין
פאָרויס—אָן אַ ברעג, אָן אַ מאָס...

ס׳טרעפט אַמאָל דו ווייסט ניט אַליין
פון וואַנענט, פון ווען, און פון וואָס,
דערזעסט זיך אַליין, ווי אַ מילבעלע קליין
און ציטערסט, פאַר אַ ווינטיקן בלאָז...

ס׳טרעפט אַמאָל דו ווייסט ניט אַליין
פון, וואַנענט, פון ווען, און פון וואָס —
קענסטו דיין אייגן געפיל ניט פאַרשטיין
ווי אַ פרעמדן, אין זיך, וואָלסט פאַרלאָזט...

ס׳טרעפט אַמאָל דו ווייסט ניט אַליין
פון וואַנענט, פון ווען, און פון וואָס, —
עס נעמט דיך אַ שרעק אַדורך ביזן ביין
ווי אין דיר וואָלט געבראָכן זיך גלאָז...

ס׳טרעפט אַמאָל דו ווייסט ניט אַליין
פון וואַנענט, פון ווען, און פון וואָס —
דערפילסט זיך עלנט, פאַראייניזאַמט אַליין
ווען עס שוימט אויף, פון פריידן, דער כוס...

כל - נדרי שטימונג.

תפילה'ט, תפילה'ט פרומע צווייגן,
תפילה'ט ! אויב איר האָט צו ווענדן ;
איך וואָלט אויך ניט וועלן שווייגן
און צו תפילה'ן זיך ניט שעמען...

נאָר איך מוז אין זיך די ווייען
טיפער, טיפער נאָך פאַרבאָרגן,
זיי זאָלן שונאים ניט דערפרייען—
כ'האָב מיין גאָט, אַליין דערוואָרגן...

און אינטער הימל, דעם באַגאָלטן,
גיי איך נע - ונד אַרומעט ;
כ'בין אויף אייביק שוין פאַרשאָלטן
אין מיין פרייד, צו טראָגן אומעט...

אָ, ווי גוט וואָלט מיר געוועזן
כ'זאָל אַ גאָט, נאָך קענען בעטן—
ווען דער יאוש טוט מיך פרעסן,
און ווערים פייניקן, מיך טרעטן...

׳כוואָלט פאַרגעסן די יסורים
אין דעם פייער פון דער תפילה ;
און מיט אויסגעשטרעקטן אָרעם
וואָלט איך מורמלען, ווערטער שטילע...

גאָט באַפריי מיך, גאָט דערלייז מיך,
איך בין זינדיק, איך בין טמא ,
נעם, און טוליע מיך, צו דיר,
און לויטער, לויטער מיין נשמה...

בין איך עלנט, איינזאַם שטענדיק ,
כ׳האָב מיין גאָט שוין לאַנג פאַרלוירן ;
מעגן טעג נאָך זיין ווי בלענדיק —
זיינען פינסטער מיינע יאָרן...

תפילה׳ט תפילה׳ט פרומע צווייגן !
אייך איז גוט, איר האָט צו וועמען...
איך מיין תפילה — מוז פאַרשווייגן,
און פאַרשטומט, אין לייד, מוז קלעמען...

נאָנט איז די וועלט צו מיין הארץ.

ס׳ווילט זיך, מיר איצטער צעגיסן
אזוי זיך, אויף ווייסן פּאַפּיר;
שטערנדלאַך, בלישצענדע אותיות,
שטראָמען אַרויסעט פון מיר.

נאָנט איז די וועלט צו מיין האַרץ,
און בעט זיך, און לאַשטשעט אַזוי;
ווי אַ קינד, אויף מאַמע׳שן שויס
מיט ליפּעלאַך ראָזינקע צוויי.

נעם איך מיין וועלט־קינד אַרום
און דריק איר צו נענטער צום ברוסט
איך האָב איצט, אַ שטימע דערהערט,
וואָס ביז איצט נאָך קיין מאָל געוואוסט...

זי שלאָגט פון אַ זילבערנעם שטראָם
וואָס איז אין דער וועלט־האַרץ פאַראַן;
ס׳האָבן יחידים געטרונקען פון אים —
איך, טרינקען פון אים, איצטער שפּאַן...

דער וועג איז באַדאָרנט, באַשטיינט,
דאָך זיס איז דער וויי אין דעם גאַנג;
יעדוועדער בלוט-טראָפּן זינגט אויס,
פון וואונד, דעם טיפסטן געזאַנג...

פאָרויס אין דעם וועג, זיך געשטרעקט,
אָן אָפּהאַלט, אָן רו, צו דער ווייט!
מיט יעדער ווײַלע זיך שטאַרקט
דער גלויבן, אין מאָרגנדיק-צייט...

עס זינגט דער געשוואָלענער טראָט
מיט בלוטן פון וואונדיקן גיין...
דער וויטאָק, איז ליבער פון פרייד
און דער פּיין—איז דער געטליכער חן...

ווײַל דאָרטן העלט שוין אויף טאָג
מיט רויטן, אין זוניקן בלי;
אַ פרילינגס-ווינטל, אָנזאָגט:
ס׳פּונקט אויף דער מענשליכער טלי...

נאָנט איז די וועלט צו מיין האַרץ.

ס'ווילט זיך, מיר איצטער צעגיסן
אַזוי זיך, אויף ווייסן פּאַפּיר;
שטערנדלאַך, בלישצענדע אותיות,
שטראָמען אַרויסעט פון מיר.

נאָנט איז די וועלט צו מיין האַרץ,
און בעט זיך, און לאַשטשעט אַזוי;
ווי אַ קינד, אויף מאַמע'שן שויס
מיט ליפּעלאַך ראָזינקע צוויי.

נעם איך מיין וועלט-קינד אַרום
און דריק איר צו נענטער צום ברוסט
איך האָב איצט, אַ שטימע דערהערט,
וואָס ביז איצט נאָך קיין מאָל געוואוסט...

זי שלאָגט פון אַ זילבערנעם שטראָם
וואָס איז אין דער וועלט-האַרץ פאַראַן;
ס'האָבן יחידים געטרונקען פון אים —
איך, טרינקען פון אים, איצטער שפּאַן...

דער וועג איז באַדאָרנט, באַשטיינט,
דאָך זים איז דער ווײ אין דעם גאַנג;
יעדוועדער בלוט-טראָפּן זינגט אויס,
פון וואונד, דעם טיפסטן געזאַנג...

פאַרוים אין דעם וועג, זיך געשטרעקט,
אָן אָפּהאַלט, אָן רו, צו דער ווייט!
מיט יעדער ווײלע זיך שטאַרקט
דער גלויבן, אין מאָרגנדיק-צײט...

עס זינגט דער געשוואָלענער טראָט
מיט בלוטן פון וואונדיקן גײן...
דער ווײטאָק, איז ליבער פון פרייד
און דער פּײן—איז דער געטליכער חן...

ווײל דאָרטן העלט שוין אויף טאָג
מיט רויטן, אין זוניקן בלי;
אַ פרילינגס-ווינטל, אָנזאָגט:
ס׳פונקט אויף דער מענשליכער טלי...

פאַרגיין וועט די נאַכט.

פאַרגיין וועט די נאַכט,
ווי טאָג וואָס געווען;
אויך טאָג וועט פאַרגיין
ווי נאַכט אין געקלעם.

דאָך שרעקט ניט פאַרגאַנג—
ווייל דאָס איז דער סוף;
נאָר ס'שרעקט, מיך געזאַנג,
וואָס שטראָמט ניט אַרויף.

ווייל דאָס איז דער ציל
פון יעדוועדער ליכט;
אויב שיין איז אַ שפּיל,
איז הויך, דאָך, אַ פליכט...

פאַרגיין מוז דאָך אַלץ
ווי דער נעכטן, דער מאָרגן,
זאָל אין הויכן דער ליד,
זיין נשמה פאַרבאָרגן.

ס׳גוט זיך אַמאָל.

ס׳גוט זיך אַמאָל
אַליין זיך מיט זיך,
אַליין זיך אין זיך, צו באַקלערן,
דיין אייגענע שטים
פון נשמה׳קן איך
אַליין זיך פון זיך צו דערהערן...

פאַרטיפסטו אין זיך,
אַליין זיך דיין איך
און דעקסט אויף, דיין לעבנס־שטיין שווערן,
און גיך גאָר, אויף גיך,
אַנטלויפסטו פון זיך
מיט אויגן, פאַרשוואומען, אין טרערן...

אַ קילע פרישקייט.

אַ קיל'ע פרישקייט ווייעט פון אַלע זייטן,
נעם מיר נאַכט אַריין אין דיינע אָרעמס;
און פיר מיר, ווייט אַוועק, אויף דיינע וועגן
דאָרטן, וואו עס שימערן די ווייטן...

כ'האָב אַ סך פאַר וועלטן צו דערציילן,
זאָל נאָר קיינער מיר די רו ניט שטערן,
און לאָז מיך נאָר אַ לאָמפּן צינדער, ווערן—
וועל איך באַלייכטן אַלע שוואַרצע הוילן...

און דיך, וועל איך מיט פּערל-ליכט באַהיינגען;
אויף דער ערד אָט דאָ, ווי דאָרטן אויפן הימל;
און אָפּשטויבן, פון דיר, וועל איך דעם שימל
וואָס האָט זיך אַיינגעגעסן, ווי מיט צוואַנגען...

און גיין וועל איך מיט דיר, צו דעם באַגינען,
וואָס שפּראָצן וועט, מיט האָפנונגען ריינע;
איך און דו—צוויי, און דאָך ווי איינע—
וועלן מיר אין מאָרגן זיך פאַרשפּינען...

אַ קילע פרישקייט וויעט פון אַלע זייטן,
נעם מיר נאַכט אַריין אין דיינע אָרעמס,
און טוליע מיך צו זיך, ווי אַ טרייע מאַמע
וואָס וועט איר קינד, פאַר אוצרות, ניט פאַרבייטן.

ווען איך זאָל זיין!

ווען איך זאָל זיין אַ טראָפּעלע טוי,
וואָלט איך זיך אין בלום פאַרבאַהאַלטן
צווישן די בלעטעלאַך, שטיל, זיך אַזוי,
ווי אַ גלאַנציקער פערל, געהאַלטן.

ווען איך זאָל זיין אַ טראָפּעלע ליכט,
וואָלט איך אין הימל געווען;
צווישן די שטערן אויך מיין געזיכט ,
לייכטן דאָרט וואָלט איר געזען.

ווען איך זאָל זיין א טראַפּעלע שיין ,
וואָלט איך געלויכטן אָט דאָרטן
וואו עס קומט נאָר די נויט און דער דלות אַריין,
דאָס ביסעלע נאָפּט זיינס , פאַרשפּאָרט.

ווען איך זאָל זיין אַ טראָפּעלע וויין ,
וואָלט איך הערצער דערקוויקט.
מידע, פאַר׳חלש׳ט פון טעגליכן פיין
מיט שיכרות, — אַ ווילע, באַגליקט.

ווען איך זאָל זיין אַ טראָפּעלע פרייד,
וואָלט איך דעם אומעט פאַריאָגט ;
און אומעטום פריידן-קערנער פאַרזייט —
קיינער וואָלט מער ניט געקלאָגט.

ווען איך זאָל זיין אַ טראָפּעלע גליק,
וואָלט איך זיך יעדן געשענקט ;
טיף אין די הערצער, דעם וואונדיקן פליק,
וואָלט איך פון זיי אויסגעשווינקט ...

ווען איך זאָל זיין אַ טראָפּעלע טרייסט,
וואָלט איך די וועלט אויסגעהיילט :—
עס פינסטערן מענשן, וואָס קיינער גאָר ווייס,
אינזיך ... פאַר'יאוש'ט ... פאַרקוילט ...

ווען איך זאָל זיין אַ טראָפּעלע הילף,
וואָלט איך פון איינעם צום צווייטן געגאַנגען,
יעדערן, וואָלט איך דערפירט, צו זיין ציל ...
און וועלט אָנגעפילט מיט געזאַנגען.

אַ בערגל פון אַשיקע קברים.

צו איז עס דער טוי פון באַגינען,
אָדער פון פייניקן וויי?
איך פיל, פון די אויגן מיר רינען
טראָפּעלאַך, שטומער-געשריי...

קאָנוואולסעט נשמה אין טרויער
געפּרעגלט פון וואונדיקן-פלאַם,
אין כמורנעם, פאַרגאַלטן דויער
וואָרצלט מיין ווייליקער שטאַם...

וועלטן פון צער און טיף ליידן, —
מיין ליידיקע שפּולקע פאַרוויקלען;
קיין פעדימל-קלעם—ניט פאַרמיידן.
דעם אומעט, אין האַרצן, פאַרקניפּלען.

מיליאָנען פאַרמוטשעטע שטייען
פאַרשוואַרצט, אין פאַבריקן און מינעס;
די יאָרן—צעפּוילטע, פאַרווייען,
אין אָפּפאַל פון שמוציקע רינעס...

אַ בערגל פון אַשיקע קברים
פון יוגנט, און פריידן פאַרבלייבט...
און איבער די קברים — אַ וואָרעם
זיין קריכיקן־לעבן, פאַרשרייבט...

נאָך אַ שעה.

נאָך אַ שעה, און נאָך אַ שעה
ס'קלינגט דער זייגער — צוועלף
און עס שפּרינגט די עלטער אָן,
ווי אויף שעפּעלע, די וועלף.

אַ קליינער רינג אויף ציפער - בלאַט,
דאָך ווייט פאַרפירט זיין דריי...
נאָך אַ שעה, און נאָך אַ שעה —
און אָפּגעלעבט—פאַרביי...

געבורט נאָר וואָס, איינס געקלונג...
אָט קלינגט שוין: האַלבּס און צוויי;
נאָך אַ קלונג, און נאָך אַ קלונג —
און ווייס ווערסטו ווי שניי...

נאָך אַ שעה, און נאָך אַ שעה,
עס לעשט זיך אוים דיין בליק...
אָפּגעשפּילט דעם לעבענס - ליד,
און ס'פאַלט פון האַנט דער סמיק...

אַ שטערן נאָך אַ שטערן.

אַ שטערן נאָך אַ שטערן
ווערט געבוירן, —
אָט אַזוי אָ קומט, די שטילע אָוונט - רו ;
אַ שטערן נאָך אַ שטערן
ווערט פאַרלוירן, —
אָט אַזוי אָ קומט דער העלער מאָרגן צו.

אַ לעמפל נאָך אַ לעמפל
ווערט געצונדן —
אָט אַזוי אָ לייכטן הייזלאַך אויף;
אַ פלעמל נאָך אַ פלעמל
ווערט געבונדן, —
אָט אַזוי אָ שווינגען, זונען אויף.

אַ טאָן נאָך אַ טאָן
ווערט געפלאָכטן, —
אָט אַזוי אָ פלעכט אַ ליד זיך אויס ;
אַ טאָג נאָך אַ טאָג
ווערט געשאָכטן, —
אָט אַזוי אָ ענדיקט זיך, דער לעבן אויס...

אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע
ווערט געטריבן, —
אַט אַזוי אָ, שטורעמט אויף, אַ ים...
אַן אות נאָך אַן אות
ווערט געשריבן, —
אַט אַזוי אָ, פליגלט אויף אַ גראַם.

אַ ווינטל נאָך אַ ווינטל
ווערט אַנטרונען, —
אַט אַזוי אָ, שטילט זיך איין אַ נאַכט;
אַ פינטל נאָך אַ פינטל
ווערט צערונען, —
אַט אַזוי אָ ווערט דער טויט, געבראַכט...

אָנגעגאָסן פול די כוסות.

אָנגעגאָסן פול די כוסות!
נאָר דער טרינקער איז נישטאָ...
ראַנגלט זיך אין בעט אַ גוס'ס,
מיט דער לעצטער לעבנס־שעה.

שטענדיק קומט אַזוי דאָס לעבן
אויף דעם טויטן־שוועל צוגיין;
איז געגרייט דיר אַלץ צום געבן,
ווען דו ענטפּערסט אים שוין—ניין...

אין די טרוימישע געמעלן,
פון באַגינענדיקן ווילן,
קומען כמאַרעס און פאַרשטעלן
דיר, די סמרונעס אויף צו שפּילן...

בלייבן הייגגען דיינע פינגער
אין דעם חלל פון באַגינען;
לאָזט זיך אַ שטומער־זינגער,
צו די, נאַכטיקע, רואינען...

דריבּלסטו אַליין אין האַרץ זיך,
פאַרשפּיצטע נעגל, אויסגעשאַרפטע.
און די טרעטסט מיט דיינע שיך —
אין דער נשמה, די פּאַהאַרפטע...

פילסט די זיסקייט, פון דער גאַל
וואָס פאַר סם'ט דיין אייגן לעבּן;
אין דעם זינקענדיקן פאַל —
איז די גאַלעקייט אַ שטרעבּן...

און וואָס טיפער, ס'איז דער זונק
אַלץ שטאַרקער איז דער ווילן;
נאָך אַ כליאַב, און נאָך אַ טרונק,
צו פאַרטויטן די געפילן...

און ניט ווייסן אַז געוועזן
איז אַ מענש אַמאָל מיט טרוימען;
און אַליין פון זיך פאַרגעסן —
אין די יאוש'דיקע תהומען...

איינס, צוויי, דריי.

ס׳קלינגט דער גלאָק אין מיטן נאַכט:
איינס, צוויי, דריי.
בלאַס, פאַרהילט, איך שטיי און טראַכט:
איינס, צוויי, דריי.

ווייטע קלאַנגען פון אַמאָל..
איינס, צוויי, דריי;
שרעק און פּיין אָן אַ צאָל,
איינס, צוויי, דריי.

אַ הונט פון ווייטן וואָיעט מיט:
איינס, צוויי, דריי.
אימעץ שלעפט דאָרט זיינע טריט, —
איינס, צוויי, דריי.

וועמען וועקט איר אין דער נאַכט?
איינס, צוויי, דריי.
בּיי די ראָגן טייוול לאַכט —
איינס, צוויי, דריי...

דריפּלסטו אַליין אין האַרץ זיך,
פאַרשפּיצטע נעגל, אויסגעשאַרפטע.
און די טרעטסט מיט דיינע שיך—
אין דער נשמה, די באַהאַרפטע...

פילסט די זיסקייט, פון דער גאַל
וואָס פאַר סם׳ט דיין אייגן לעבן;
אין דעם זינקענדיקן פאַל —
איז די גאַלעקייט אַ שטרעבן...

און וואָס טיפער, ס׳איז דער זונק
אַלץ שטאַרקער איז דער ווילן;
נאָך אַ כליאַפּ, און נאָך אַ טרונק,
צו פאַרטויטן די געפילן...

און ניט וויסן אַז געוועזן
איז אַ מענש אַמאָל מיט טרוימען;
און אַליין פון זיך פאַרגעסן —
אין די יאוש׳דיקע תהומען...

איינס, צוויי, דריי.

ס׳קלינגט דער גלאָק אין מיטן נאַכט:
איינס, צוויי, דריי.
בלאַס, פאַרהילט, איך שטיי און טראַכט:
איינס, צוויי, דריי.

ווייטע קלאַנגען פון אַמאָל..
איינס, צוויי, דריי;
שרעק און פּיין אָן אַ צאָל,
איינס, צוויי, דריי.

אַ הונט פון ווייטן וואָיעט מיט:
איינס, צוויי, דריי.
אימעץ שלעפּט דאָרט זיינע טריט, —
איינס, צוויי, דריי.

ווער ווען וועקט איר אין דער נאַכט?
איינס, צוויי, דריי.
בּיי די ראָגן טייוול לאַכט —
איינס, צוויי, דריי...

אַ וועלט פון שטיינער.

איך גיי און רוף,
זוך און וועק —
קיינער הערט ניט, קיינער!
וואו אַ האַנט,
אַ פוס, איך שטרעק
פיל איך דאָרט נאָר שטיינער...

טליעט נאָך
וואו אַ האַרץ?
קיינער וויס ניט, קיינער!
דערזעסט אַ מחנה
מענשן, שוואַרץ —
יעדער איז דאָרט איינער...

זוך איך אום,
טאָג און נאַכט,
קיינער וויס ניט, קיינער...
נאָר דער טייוול
הער איך לאַכט: —
מענשעלע דו קליינער...

ווייס איך ניט ,
ווער פון אונז , —
און קיינער ווייס ניט , קיינער!
איך , — צו טייוול
נאַרט זיך דאָ
אין דער וועלט פון שטיינער...

גיי איך מיר
אַליין מיין וועג ,
און קיינער ווייס ניט , קיינער...
און אויף יעדן
שליאַך און שטעג ,
וואָגלען מיינע ביינער...

מיר זיינען פֿאַרלוירן.

עס ווילט זיך מיר זאָגן
אָפֿן פֿאַר אַלע, —
פֿון ריינסטן געוויסן: —
מיר זיינען געבוירן,
מיר זיינען פֿאַרלוירן,
מיר זיינען צעריסן...

לאַכט אונז, מיט חוצפּה,
אַריין אין די אויגן,
און שפּייט אונז אָן, אין געזיכט!
ווער זיינען מיר? !—גאָרנישטן!..
פֿאַרפּוצטע נאַראָנים,
באַקראַנצט, באַשיכט.

ס'האָבן די זיידעס,
באַרוועס אויף דערנער,
צו פּלאָנדערט געשפּרייזט
מיט אַן הייליקן גלויבן
אין געטליכן אויבן
מיר—זיינען פֿאַרגרייזט...

באַקוק זיך אין שפּיגל
מיט ערנסטע בּליקן, —
ווי זעסטו אויס ? ...
אַ מורא, אַ ציטער
שווידערט דיך אויף —
פון פּוסטיקן, גרויס ...

מיר זיינען פאַרלוירן
גלייך פון געבוירן,
ביז ענדע פון זיין ! —
אַ קניילכל, פון יאָרן
אונז וויקלט אַרום
אין פייגליכן שיין...

צום שפיל.

אַ טאָג פאַרגייט,
אַ נאַכט אויפקומט,
און וועלטן-ראָד זיך דרייט;
עס גייט צום טויט,
אַ טויב, זיך שטום —
זי איז צו דעם געגרייט...

אַ ווייסע האַלז
מיט פוך באַצירט
זי שטרעקט אַרויס פאָרויס;
אַ ביטקע דין...
זי האָט דערשפּירט,
גענוג געלעבט, און אויס!..

אַ טאָג פאַרגייט,
אַ נאַכט אויפקומט,
און וועלטן-ראָד זיך דרייט;
און צום טויט —
ווילד צעבּרומט,
ווערט דער אָקס, געלייגט...

אַ דיקע פעל,
מיט האָר געדיכט,
וואַרפט זיך אין געריטש...
דאָס איז דיין ציל,
דיין לעבנס-פליכט! —
שרייט, דעם חלף׳ס בליץ...

אַ טאָג פאַרגייט,
אַ נאַכט אויפקומט,
און וועלטן-ראָד זיך דרייט,
און צום טויט,
ווי אַ טייבל קומט,
שטום, דער מענש גענויט...

אויף ווייס געוואַנט
ביים גסיסה-שיין
ער כאָרכלט, הייליק, שטיל...
און אויסגעשפּאַנט, —
פון יאָך און פּיין,
נשמה פליט, צום שפּיל...

III

פאַרנאַכטן-רו.

עס בענקט מיין נשמה.

פורפורנע הימלען, פון ראָזע פאַרנאַכטן,
אין הערבסטיקן חלום, פון צייטיקע פרוכט;
איז גוט דאָך, אַליין זיך, אין זיך, צו פאַרטראַכטן—
און פאָרשן דעם סוד וואָס די ליכטיקייט זוכט...

עס בענקט מיין נשמה, נאָך אייביקע זונען
וואָס לייכטן, און בלענדן, און גייען ניט אויס;
כ'האָב נאָך דעם שטראַל פון דעם טאָג ניט געפונען! —
און עס פינסטערט שוין נאַכט אין מיין אָרעמער הויז...

מ'זאָגט—אויף די וועגן פון בליאיקע מאָרגנס,
קען מען דער זון-ליכט, זיך שפרייטן, געפינען;
כ'האָב דאָך ניט איינמאָל געפאַנגען באַגינענס,—
פאַרשלאָסן אין האַרץ, טיף... צום סוף זיי צערינען...

וויפל איך זאָל ניט אין שטראַלן זיך באָדן
פלעכטן אַלץ שאָטנס מיין נאַכטיקע וויגל...
צעפאַלט ווי אַ חורבה, ציגל, נאָך ציגל—
מיין טרוימישער פאַלאַץ, מיט זונען געלאָדן...

פורפורנע הימלען, פון ראָזע פאַרנאַכטן,
הערבסטיקער חלום, פון צייטיקע פרוכט;
וויפל איך זאָל זיך, אין זיך, ניט פאַרטראַכטן—
מיין פאַרבענקטע נשמה—די אייביקייט זוכט...

אין די הערבסטיקע פאַרנאַכטן.

אין די הערבסטיקע פאַרנאַכטן,
פון דעם פאַרבנדיקן טראָפּיק,
איז דאָך גוט אַליין אין שקיעה
מיט דער שטילקייט זיך פאַרטראַכטן...

און זיך לאָזן ווייט פאַרטראָגן,
פון די ווינטעלאַך די קילע
אָט די דופטיקע, די שטילע
אין די וויטן זיך פאַריאָגן...

איבער בערג, און איבער טאָלן,
ווי אַ וויכער זיך צעלאָזן;
און צע׳רעש׳ן אַלע גראָזן—
די גרין-גילדערדיק זיך מאָלן.

ווי אַ פלינקער בוימער-קלעטער
ווער צעשאָקלען אַלע צווייגן ;
צו דער ערד זאָלן זיך בויגן,
די פאַרדאַרטע געלבע בלעטער...

און אין טייכל דעם צעשפּילטן,
וועלכער בלוטיקט, אין דער שקיעה;
וועל איך רייסן שטיקער קריעה
פון זיין מאַנטל, דעם באַגילטן...

מיט די פויגל וועל איך פליען,
די פּאַרשפּעקטיקטע—צו נעסטן;
און אין פּורפּור וועל איך מעסטן—
לעצטע וואָלקנדלאַך, וואָס גליען.

און אַליין זיך וועל באַהאַלטן,
אין פאַרבאַהאַלטנדיק וועל שפּילן;
שטיל, אַליין מיט די געפילן—
טיף אין פעלזנדיקע שפּאַלטן...

ביז אַ ליכטיקער באַגינען
וועט צעשפּרייטן זיינע פליגלען;
און אַ שטראַל וועט זיך אָפּשפּיגלען
אין דעם פעלז—און מיר געפינען...

כ׳האָב געזען

כ׳האָב געזען פאַרגיין די זון אין ים,
כוואַליעס - פּערל האָבן איר באַגעגנט—
און זי, האָט צו דער טבילה, שטיל געניִדערט...
פול מיט בלוט איז ים געווען באַגאָסן,
אַ שטומער וויִטאָק האָט, אין טיף, געפּיינט;
גרונט, מיט פלאַך, און רוים האָבן זיך פאַרבּרידערט..

כ׳האָב געזען פאַרגיין די זון אין וואַלד,
ס׳האָבן פויגל אויף די פליגלען איר געטראָגן
צום גרין - געלעגער, אויף די בוימער, שטיל...
געפּלאָנטט האָבן די צווייגן מיט די בלעטער,
ווי פאַקעלן געצונדענע צום יום - טוב,—
פון זון, מיט ערד, אין געטליכן געשפּיל...

כ׳האָב געזען פאַרגיין די זון אויף בּערג,
שאַרפע ראַנדן האָבן זיך צעגלאַנצט
ווי חלפים, ביי דעם שניט פון האָריזאָנט...
און זי האָט זיך אין בּאַרגיק - הויך פאַרטוליעט,
פאַרוואָרפן לעצטע בּליקן אויפן הימל,
וואו וואָלקנדלאַך, האָבן שטרעלכאַלאַך געמאָנט...

כ׳האָב געזען פאַרגיין די זון אין שטאָט,
ס׳האָבן מענשן מיד, פון אַרבעט זיך געיאָגט—
ווער אויפן טראַמוואַיי, ווער אין גוואַגווע, ווער צופוס...
צו דער שטילער היים, מיט דעם ביסל רו;
און ס׳האָבן גאַסן מיט די מויערן גע׳שרפה׳ט,
געהערט האָט זיך דער לעצטער זון - גערוס...

כ׳האָב געזען פאַרגיין די זון אין דאָרף,
פעלדער קאָניעס האָבן זיך געצווינגן,
מיט רייפע רערלאַך, פול מיט זיסער זאַפט;
גרילן - קלאַנגען האָבן איר פאַרשלעפּערט,
אַ טונקעלע - הילע האָט די וועלט פאַרצווינגן
און אײַנגעדעקט איר פייערדיקע קראַפט...

כ׳האָב געזען פאַרגיין די זון אין דערנער,
דורכגעשטאָכן איז איר האַרץ געוואָרן
מיט שפּיזלען, אָנגעזשאַווערטע, פאַרשווארצט...
און בלוט האָט אויף דער ערד גענומען רינען
אַ וועלטן - צער האָט אָנגעהויבן קלעמען...
און אַלץ אַרום האָט זיך, אין וויי באַהאַרצט...

יונגער פֿאַרנאַכט.

יונגער פֿאַרנאַכט, ווי דו צאַפּלסט אַזוי
ווי אַ קינד אויפֿן האַנט, פֿון אַ מאַמען געוויגט —
אונטער אַ בוים פֿון אַקאַציען וואָס בליט,
און קושט זיינע אויגעלאַך, און שמייכלט אַזוי
ווי די צווייגן באַקנאָספּעט אין בליאיקן שניי,
וואָס פֿאַרשפּרייטן אַרום דעם דופֿט פֿון דעם צוויט...

אָ! ווי ליב ביזטו מיר, וועלט פֿון פֿאַרנאַכט! —
אין דעם פֿאַרבן - צעגאָס פֿון הימלען אַזוי,
ביי דעם לעצטן צוגלי פֿון פֿאַרלוירענעם טאָג —
וואָס הוסט אויס זיין הויך, אינ'ם טונקעלן קלעם,
ווי אַ באָבע אַן אַלטע אויף דער זקנה'שע בעט,
איר לעצטן געכאָרכל, אין גסיסה'קן קלאָג...

איך זינג און איך שפּרינג, איך קלאָג און זיך פֿריי! —
פֿרעגט פֿאַרוואָס און פֿאַרווען, איך אַליין ניט פֿאַרשטיי
עס טאַנצט אין מיין האַרץ אַ געווירבל אַזוי
און עס יאָגט און עס טרייבט, און געמאָל אין געדריי,
און העל ווערט די וועלט אין מיין האַרץ אָט אַזוי —
ווי אין פֿרילינג אַ סאַד, מיט בליטן ווי שניי...

לאָז מיך אײַנטונקען מיין פעדער.

לאָז מיך אײַנטונקען מיין פעדער
אין דיינע לעצטע שקיעה - שטראַלן;
כ׳וויל נאָך, העלע פערזן, שרייבן,
ווען די נאַכט וועט מיך באַפאַלן...

כ׳האָב אַ טאָג אַרומגעבלאָנקעט,
נישט געוואוסט ווי ליכט איז טייער;
איצטער ווען דער אָוונט, טונקלט—
האָט דערוואַכט אין מיר אַ פייער...

און דערפילט האָב איך די קדושה,
פון די שטראַלן וואָס פאַרשווינדן ;
שיינק ! אָ שיינק ! אַ טראָפּן ליכט מיר,
האָב רחמנות אויף אַ בלינדן...

ס׳וועט אַ נאַכט אַ שוואַרצע קומען,
אַלץ אין פינסטערנעש פאַרדעקן ;
גיב איין טראָפּן ליכט, מיין פעדער
וועט ביז מאָרגן - שיין, מיר קלעקן...

און איך וועל פון טראָפּן שפּינען,
העלע, ליכטיקע געוועבן;
אין די נאַכטיקע רואינען —
צינדן הערצער, פול מיט שטרעבן...

מעגן שעה'ן, ווי די יאָרן,
לאַנג זיך, אָן אַן אויפהער ציִען —
ניט פאַרלעשן וועלן גלויבן,
אין אַ טאָג וואָס מוז אויפבליִען...

און די פאַר'יאוש'טע, פאַרפּײַנטע,
פון די פינסטערע געראַנגלען,
וועלן מיר אויפּס'ניי באַמוטן —
מיט אונזערע געזאַנגען...

לאָז מיר אײַנטונקען מײַן פעדער
אין די לעצטע שקיעה שטראַלן;
זאָל כאָטש בלײַבן מיר אַ ווײַלע,
פון דעם טאָג, וואָס גייט פאַרפאַלן...

כמורנער אָוונט.

כמורנער אָוונט ביזט געקומען
מיט אַ שוואַרצן פענזל פאַרב
שפריצטו וועלקונג אויף די בלומען
וואו ס׳בליט נאָר, זאַגסטו—דאַרב ,
צופיל לעבן, זיך גענומען...

נישט באַשפריצן, וועסט מיין גלויבן ,
נישט באַפענזלען וועכט מיין מוט !
וועסטו פרייהייט מיר באַרויבן —
וועל איך אויקויפן מיט בלוט !
און דורך ליידן זיך דערהויבן...

אונטער תפיסה׳דיקע ריגלען
קענסטו מענשן — האַרץ ניט טויטן !
וועסט אין שוואַרצן איר פאַרזיגלען ,
וועט זי שטענדיק, דאָך, זיך גרייטן—
צו באַפרייען אירע פליגלען...

טרויער-בערג דער ליכט פאַרשטיקן...
ניט פאַרלאָשן ווערט דער פייער! —
מיט דער צייט וועט ער צופליקן
דעם פאַרשטיינטן פעלזן-שלייער,
און צושפּרייטן פלאַמען-בליקן!..

עס זיינען אָוונטן געקומען
און פאַרגאַנגען, לאַנג ניטאָ!..
אויך דער אָוונט וועט פאַרשטומען
ווען ס׳עט העלערן די שעה...
און אַ וועלט, אין ליכט אויפגעשוומען...

כמורנער אָוונט ביזט געקומען,
מיט אַ שוואַרצן פענזל-פאַרב,
און ס׳ווילט זיך דיר די בלומען,
און דיר ווילט זיך, זייער שטאַרב...
נאָר זיי — צום לעבן זיך גענומען!..

פּונ׳ם בּריק.

ביים ראָזן שיין, פון שויב וואָס גליט,
שטייט זי שטיל פאַרטראַכט, —
קוקט אין דרויסן ווי עס ציט
אַ בלוטיקער פאַרנאַכט...

רויט די ליפּ, ראָז די באַק,
און פעך - שוואַרץ די אויגן;
און אין מוח עגבערט איר: —
וואו איז ער פאַרפלויגן?..

ס׳קלעמט די האַרץ אין אָוונט - שעה,
זי ציטערט אויף...
ס׳ציט די וועלט אַ שוואַרצע קלייד
אויף זיך אַרויף...

ער איז אַוועק, אויף גרויער וועג,
און קומט שוין ניט צוריק...
עפּעס וואַרפט די האַרץ אין שרעק—
פאַר דעם הויכן בריק...

כ׳האָב אַנדערש נישט געקענט!
געמוזט עס זאָגן אים...
האָט זיין ליבע, זיך צובּרענט —
אין אַ צאָרנדיקן גרים...

און אפשר בין, אַ גזלן איך!?
נישט גענאַרפט אים זאָגן...
נו, וואָלט בעסער דען געווען,
אים טעג און נעכט פאַרפלאָגן?..

♦ ♦
♦

די צייט זי לויפט, ווער ווייס אַ וואו?
ס׳איז שוין שפּעט אין נאַכט;
די שטאָט זי שלאָפט אין שטילער רו,
זי — נאָר איינע וואַכט...

פאַר׳גנבֿ׳עט זיך מיט שטילן טראָט,
און לויפט צום בּריק, פאַרהילט...
כוואַליעס פליושקען מיט געשפּאָט:—
ער איז שוין לאַנג פאַרשטילט...

דו האָסט פאַרטריבן אים פון דיר,
און זוכסט אים שוין צוריק?..
ווילסט געפינען אים?—טו שפּרינג,
ווי ער, אַראָפּ פון בריק..

ביים ברעג פון בריק זי שמייכלט שטיל—
ער רופט פון תהום צו זיך...
נישט געקלערט, געטראַכט צופיל,
זי שפּרינגט, צו אים אויף גיך...

כ׳זע דיר פאַרוואַלקנט אין טרויער.

כ׳זע דיר פאַרוואַלקנט, אין טרויער,
מיין ליבסטע, מיין בלענדיקע זון ...
ווייַן ניט ! — איך וועל צו דיר קומען
מיט אַ פייער, פון יוגנט - געשפון...

עס טיילן אונז מיילן פאַנאַנדער,
און מיילן, אויך בינדן אונז צו ...
כ׳געפין ניט פאַר מיר אין דעם וואַנדער
אַ ווײַלע, זאָל געבן מיר, רו...

כ׳בעט דיר : — לאָז מיך ניט בלוטן ! ..
שיין אויף, מיין ליכטיקער, שטערן !
דו ווייסט דאָך—אַז גריבער מיר ווערן
אין האַרצן, פון דייַנינקע טרערן ...

מיר זייַנען נאָך ביידע גאָר יונגע ,
דער פייער, צום לעבן, אויפבליט,
און קלייבן נאָך וועלן מיר פערל—
אויף יעדוועדער שריט און טריט...

דאָס, זאָל דיר מוט נייעם געבן,
פון כמורניקן טרויער, באַפרייען;
דעם גלויבן אין אייביקער יוגנט—
צוריק אין דיר, ליבסטע, באַנייען...

כ'פיל עס ווערט העלער אין האַרצן,
דו האָסט דאָרט מיין שטימע דערהערט
און דיינע צוויי ליכטיקע אויגן
בלענדן, ווי קיינמאָל געטרערט...

און ס'ווילט זיך מיר זינגען פון וויטן
צו דיר, מיין הייליקער טרוים!..
דעם ליד פון אייביקע צייטן,
וואָס האָט ניט, קיין גרענעץ, קיין צוים

איך קוש דיר פון וויט מיין נשמה...
און כ'פיל אויך, דיינע קושן צוריק;
פול ווערט מיין האַרץ, פון געזאַנגען,
ווי סטרונעס—געקושט פון דעם סמיק.

אַ פּאָרטרעט. סאָנעט.

אין אירע אויגן בליט אויף דער באַגינען,
אין איר ליפּן, צייטיקט זיך דער טאָג;
די ציינדעלאַך — ווי שטערנדלעך פאַרמיניען,
די בעקעלאַך — ווי קאַרשן - רויטע - סאָק...

אירע לאָקן, זיינען ים׳ען אויפגעשוימטע,
און דער נאַקן — אַ פעלזעדיקער ברעג,
די אָרעמס — שוואַנען, צוויי, פאַרטרוימטע,
די האַלז — אַן אַלבאַסטער קלאָרע וועג.

איר קערפּער, איז אַ פאַלמע אַ באַקרוינטע,
די בריסט — קאָקאָס, פול מיט זאַפט,
איר לייב איז פון זון אַן אָפגעברוינטע,

די פּיס — פול מיט יוגנטדיקן קראַפט.
ווי אַ מלאָך׳ל פון הימל אַ באַ׳חן׳טע,
מיט אירע בליקן, פריידן זי פאַרשאַפט...

זיי מיר מוחל. סאָנעט.

פון דיינע אויגן קוקט אַרויס דער אמת,
האָסט מיך אויף אַ ווײַלע נישט גענאַרט...
אימיצנ'ס אַ טרויער, כ'ווייס ניט וועמעס,
האָט אָנגערירט אַ סטרונע מיינס, אַ צאַרט...

און אַ צווייפל האָט אין מיר גענומען ברענען,
פון גאָר דער וועלט, און אויך פון דיר, מיין ליבסטע;
איך האָב אַליין זיך ניט געקענט דערקענען,
אין מיינע יאוש'דיקע שעה'ען, די באַטריבסטע...

אָ זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל! כ'האָב געזינדיקט!
דו ביזט די זעלבע, ווי געוועזן, מיר געטריי...
ס'האָט דער שטורעם, אין מיין האַרצן, זיך פאַרענדיקט.

און איך בין גרייט זיך מקריב זיין אויפס'ניי, —
פאַר דיר מיין הייליקע, וואָס איך האָב באַליידיקט,
אין שעה פון פייניקונג, וועלכע איז פאַרביי...

נעם מיך אַרום. סאָנעט.

נעם מיך אַרום און קוש מיך צוריק
אַזוי ווי אַמאָל, נעבן דעם בוים...
אין האַרצן נאָך בלוטיקט אַ וואונדיקער פליק,
פון נאַכטיקן, גרויליקן טרוים...

אפשר פאַרגעסן וועל איך זיך אַ ווייל
פון ווייטאָק וואָס פלאַמט אין מיין ברוסט,
ס'האָט אימיץ געוואָרפן אַ גיפטיקן פייל,
צו האָסט שוין, פון דעם, זיך דערוואוסט? ..

טראָפן, נאָך טראָפן רינט אוים מיין האַרץ,
מיט מינוטן—אַלץ טונקלט... און שוואַרצט...
ברייננ, אין דיין ליפּ מיר, דיין בלוט!

וועל איך אַ לעבן אַ נייעם אייננזויגן
בלוט פון די ליפּן, און ליכט פון די אויגן...
דערפילן באַפרישט זיך, מיט מוט...

דערהויב מיך. סאָנעט.

אין דער פינסטער לייכטן דיינע אויגן שענער,
אין דער פינסטער בליען זיי, ווי שטערן אויף;
און עס ציט מיר, צו דיין ליכטיקייט, אַרויף,
וואו עס וועבן זיך, די הימלדיקע טענער...

אָ, דערהויב מיך, צו דעם כישוף׳דיקן רוים!
וואו עס לייכטן דיינע גליאיקע־שוואַרצאַפּלען,
ווי כישוף׳דיקע שטערנדלאַך, זיי צאַפּלען —
און צעצינדן, איבער וועלט, דעם יוגנט־טרוים...

כ׳האָב מיין יוגנט, נאָך פאַר קיינעם ניט געוויזן...
ס׳איז אַ פייער, וואָס דער זון וואָלט ער פאַרשעמט,
מיט די שטראַלן, וועלכע וואָרצלען אין זיין גרונט...

זאָלן ביידע מיר, אין פייער... זיך פאַרשליסן,
און וויסן—אַז די לויטערקייט פאַרנעמט—
טיף אין אונז,—דעם סודות׳דיקן בונד...

דיינע אויגן. סאָנעט.

ווען עס לייכטן דיינע אויגן,
דאַרף איך ניט קיין שטערן!..
ס'איז גענוג איין בליק נאָר זויגן,
ועט שוין ליכטיק ווערן...

ס'האָט דער טאָג—בלויז איין זון,
וואו האָסטו, צוויי, גענומען?..
קיינער וויים נאָך ניט דערפון,
איך האָב, דאָס, ערשט באַנומען..

לאָז מיך נאָר אַ ווײַלע שטיין,
אָט אַזוי נעבן די אַליין,
קוקן, טיף, אין דיינע אויגן...

און ווייטער, מעג די וועלט פאַרגיין!..
עס זאָל נישט בלייבן קיין געביין!
צו דיר וועל איך זיך נויגן...

ליבע—איז הימלישער פייער.

ליבע — איז הימלישער פייער
אין צאַרטע נשמה - געוועבן;
ליב מיר, אָ ליב מיר, געטרייע!
אייביק אַזוי אָ, מיין לעבן...

די יוגנט, זי מוז דאָך פאַרפליען,
זכרונות נאָר וועלן פאַרבלייבן,
פון אונזערע הערצער וואָס גליען,
וועלן ווינטן, די אַש, נאָך פאַרטרייבן...

וואָס מיר צו דאַגען פון מאָרגן!
מיר מוזן פון היינט דאָך, געניסן...
פאַרוואַרפן די אַלענקע זאָרגן!
און מער, פון יסורים גיט וויסן...

איצט, זיינען וואַרעם די אָרעמס...
די לופט איז מיט קושן געפילט...
ווער זאָגט אַז מיר זיינען דאָ אָרעם?
ווער האָט אַזאַ גליק נאָך געפילט?!..

אַ קליינטשיקע, שטילינקע הייזל...
וואָס דאַרפן מיר מערער נאָך האָבן?
אַ בײנקל, אַ טישל, אַ בעטל,
שוין איבער-גענוג, מיר פאַרמאָגן...

און ליבע, אין אַלענקע ווינקלען,
הערצער, מיט קינדערשע פרייד;
לעבט מען, זיך, רוהיק, ווי טויבן
אין אַ נעסטעלע, שטילינקערהייט...

די זון וועקט אויף פון שלאָף,
גיסט אָן, ליכט-פולע, טעג...
און אַזוי אָן אַן עגד, אָן אַ סוף
שפרייט זיך די בלומיקע-וועג...

ליבע איז הימלישער פייער
אין צאַרטע נשמה-געוועבן;
פאַר ליבע איז קיין זאַך ניט טייער!
אַפילו מ׳צאָלט מיטן לעבן...

עֶר און זי. דיאַלאָג.

ער: ווײַן נישט מיידל, ער וועט קומען,
דײַן געליבטער איז דיר טריי;
הערצער וועלקן - ניט, — ווי בלומען —
אייביק בליען זיי אויפס'ניי...

זי: וואָס קען העלפן מיר דײַן טרייסטן?
אַז דאָס האַרץ אין מיר צערינט!
אָן דײַן בליק, זע איך, דו ווייסט...
זאָג מיר גיכער, זאָג, געשווינט!

ער: גאָרניט, נאַרינקע, וואָס ווילסטו?
ער וועט קומען, דאָס באַשטימט!
אויף אַ שיפל, איבער ים'ען
דײַן געליבטער, איצטער, שווימט...

נייע לענדער, פאָרט ער, זוכן
אויף צו בויען זיך אַ היים...
און אין קורצן, גאָר אין גיכן
וועט פאַרווירקליכט זײַן, זײַן טרוים...

און אַ בריוול ווּעסטו קריגן: —
קום מיין ליבסטע, קום צו פאָרן!
איבער כוואַליעס ווּעסט זיך וויגן
אויף אַ בלוי׳ן־ים, אַ קלאָרן.

און אַ היים, ווּעסטו געפינען —
נאָר וואָס אויסגעבויט, אַ נייע;
פון אַלע ווינקעלאַך ווּעט מיניען:
קום געליבטע, קום געטרייע!...

זי: יאָ, איך גלויב דיר — אַלץ איז אמת!
אָבער ווען ווּעט עס שוין זיין?!
ביז איך ווּעל דעם בריוול קריגן —
ווּעל איך אויסגיין, דאָ פון פיין...

ער: ווייַן־נישט מיידל, ער ווּעט קומען, —
דיין געליבטער איז דיר טריי...
ווייט אין לענדער, איבער ים׳ען,
ווּעט איר צוזאַמען זיין, אויפס׳ניי...

אין דרויסן ווייִנט די שקיעה.

אין דרויסן ווייִנט די שקיעה,
אַן אומעט ווייט אין וועלט;
וואָלקנס רייסן קריעה —
נאָך אַ טאָג שוין פעלט...

מיר זיצן צוויי פאַראייִנזאַמט,
די הערצער, טיף פאַרקלעמט;
זי ליגט אין מיינע אָרעמס —
טרערט, און נעצט מיין העמד...

איך טוליע איר צום ברוסט,
טרייסט איר, אין דער שטיל;
און, אַליין, אין מיר —
ווייִנט דאָס האַרץ, איך פיל...

איר האָב איך פאַרשלעפערט,
אַליין, בין וואַך געבליבן;
און אין צער פאַרהילט —
האָב איך, דעם ליד, געשריבן...

אײנזאַם.

אין אַ שטעטל,
דאָרטן, װײט —
איבער ים'ען, לענדער: —
זיצט אַ מאַמע,
שטיל, פאַרקלעמט,
אומעטיק, באַזונדער...

קינדער לויפן
שפּרינגען - אום —
וואו זיינען מיינע קינדער?...
הילכט פון כמוריקן
אַרום: —
איבער אַלע לענדער!...

גרויע סטרונעס,
שפּילן, צאַפּלען,
אַף איר שוואַרצע קאָפּ...
לויפן גרויע,
מיינע טעג שוין, —
לעבנ'ס - באַרג - אַראָפּ...

װאָלט איך כאָטש,
אַ קינד געהאַט
איצטער, בײַ מײַן זײַט...
נישט געגריזשעט,
װאָלט מיר טרויער —
פון דער שװאַרצער װײַט...

בין איך אײנזאַם,
איצט געבליבן,
װען די עלטער שפּינט...
און אין עלנט
אַ פאַרפּײַנקטע
טאָג, נאָך טאָג, צערינט...

װאָלטן זײ, דאָרט,
ניט פאַרגעסן,
מיר אַ בריװל שיקן, —
װיפל אומעט,
אין מײַן האַרצן —
װאָלט עס איצט ניט דריקן?...

דאָס ליד פון דעם זקן...

די צייט איז געלאָפן,
מיט איר, אויך די יאָרן, —
דאָס ביסעלע יאָרן,
וואָס איך האָב געהאַט...
און איצטער געבליבן —
בין איך ביי געציילטע...
טונקעלע, גרויע,
אַלטע, און מאַט...

געווען איז אַ יוגנט
מיט גאָלדענע מאָרגנס —
פון זוניקע טעג,
און רויטע פאַרנאַכטן...
און האַרץ האָט געזונגען,
מיט שטורמישע בלוטן,
פון בליאיקן פרילינג,
אַ ליד, אַ פאַרטראַכטן...

געמיינט, אַז שטענדיק
אַזוי וועט שוין זיין...
זיך קיינמאָל ניט ענדיקן
צייט פון די טרוימען;
ס׳וועלן שיינען די וועגן—
אין בלענדיקע העלן,
פון ווימלענדע שטערן,
אין אומענדליכע רוימען...

איצטער, אָ זע איך:
אַלץ איז פאַרפלויגן,
פאַרלאָשן דער נעכטן...
און אַש איז געבליבן
פון אַלע די וועלדער
וואָס האָבן געפלאַקערט,—
מיט פלאַמיקע צונגען
אין הימעל געשריבן...

פינסטער, פאַרלאָשן,
אַ רום און אַ רום.
אַ קופּקעלע אַש,
פון פלאַמיקן יוגנט,
טראָג איך, מיט זיך
אין קבר, צו לייגן...
איך—וואָס האָב קיינמאָל
אין וועלט, זיך באַנוגנט...

ס'איז שווער מיר צו זאָגן,
די לעצטע פּאָר ווערטער,
ביים שוועל פון מיין קבר,
צו שוחט'ן מיין טרוים...
נאָר, האַרץ איז צעעפנט,
אין גסיסה'קע וואונדן..
און שרייט,—אַז ס'איז לעבן
אַ שפּריצעלע שוים...

די אַלטינקע.

איך בין אַמאָל
אויך יונג געווען:—
פון ווייט געהערט..
אין נאַכט—געזען...

געלאַכט, געטאַנצט,
אויף גאָר דער וועלט!
און ס׳האָט קיין פרייד,
מיר ניט געפעלט...

און דער אומעט
איז געווען,—
אַ בלאַסער פונק
פון יוגנט-ברען...

און, אינגלאַך פיל,
האָב איך געליבט;
נישט איינס אַ האַרץ—
האָב איך באַטריב׳ט...

געמיינט אַז שטענדיק,
וועט עס זיין ...
אַ זונג אַ קלונג
אין יוגנט—שיין,

איצטער, זעט
ווי איך זע אויס:
אַלט און גרוי,—
אַ שאַרבן בלויז...

קאַם, וואָס כ'קריך
אַ רום, אין שטופּ...
כ'הער,—עס רופט
שוין מיר די גרוב...

און פרעגט, — צו וואָס
איך קריך נאָך אום,
ווען בלאָם איז ליכט,
און האַרץ איז שטום...

איך פיל דעם קלאַנג
פון זיינע טריט...
און פון ווייט—
ער ציט... ער ציט....

אַ בילד פון אַ קינד.

אויגעלאַך—גרינ־בלויער הימל,
בעקעלאַך—ראָזער באַגינען,
ציינדעלאַך—ווייסענקע טויבן
צווישן די ליפּעלאַך מיניען...

קוקט זי—ווי זון וואָלט, פון וואָלקן,
פּלוצלונג פאַר דיר זיך באַוויזן,
און טיפן פאַרזעסענעם טרויער
אויף שטיקלאַך, אויף פּיצלאַך צוריסן...

איר שמייכל, איז אַ שטילינקער וואַסער
פון לבנה׳קע־זילבער צעצונדן;
ס׳ לייכט אויף דיין פּנים דער בלאַסער,
דער אומעט פון האַרץ ווערט פאַרשוואונדן...

זי לאַשטשעט זיך צו ווי אַ קעצל,
קושט דיר, בייסט דיר, און גלעט;
און זיס איז דער ביס פון איר ציינדל,
ווי זיס ס׳איז דער אָונט־געבעט...

און זיצט זי, בײַ דיר אויפֿן שויס—
מײנסטו ס'איז אַ מלאכ'ל גאָר ...
ווי אַ טרוים וואָלט, אין דײַנע אָרעמס
פֿאַרווירקליכט געוואָרן, אויפֿן וואָר ...

און ס'ווילט זיך אַליין זײַן אַ קינד:—
ניט עלטער, ניט עלטער פֿון איר;
מיט שוועסטערלאַך קלײנע זיך שפּילן,
אין זוניקן העלן-געציר ...

אין אָוונט — מיט ווינטעלאַך קומען
פֿאַרמאַטערטע, מידע פֿון שטיפֿן;
אין אַ ווײַסינקע בעטל, זיך לייגן
און טרוימען פֿון קינדערשע שיפֿן ...

ביז באַגיניקע שטרעלכעלאַך, פֿרישע,
זיך אויף די אויגן-דעכעלאַך, שטעלן
צעעפֿענען, קינדערשע וויעס—
און אַ זון, וועט פֿון זיי אַרויסקוועלן ...

לעמער פון פעלד.

בלויע כמאַרעס אָפגעצויגן
מיט די ווייסע ראַנדן;
ווי די זעגלען איינגעבויגן
נאָך דעם שיפלס לאַנדן.

און עס ליכטיקט אויף דער דרויסן
אין פאַרנאַכטיק-דעמער;
און צוריק פון פעלד זיך לאָזן
סטאַדעס נאַסע לעמער.

און זיי לויפן צוגעטוליעט,
קעפּלאַך איינגעבויגן;
מיט אַ פּאָר פאַרטרויטע שטילע
הימל-שטומע אויגן...

שטייען מענשן ביי די זייטן
מיט פאַרטראַכטע בליקן;
עפּעס בייגקט זיך צו די ווייטן—
אַ גרוס כאָטש שיקן...

IV

יוגנט־טריט.

יונגע פרייהייט-קעמפער.

די הענט זיינען באַפּאַקלט,
די פּנים'ער, באַלויכטן, —
ווייסט איר ווער דאָס זיינען ?!
יונגע פרייהייט-קעמפער,
פול מיט מוט דערהויכטן
צעוואָרפן רויטע שיינען ...

די העמד, ביים ברוסט, צושפּילעט
און פון האַרצן, לידער ...
ווייסט איר ווער דאָס זיינען ?
ווייטע, אומבאַקאַנטע,
פרעמדע, — דאָך ווי ברידער —
באַפרייען אייך פון פּיינען ...

פרעגט ער — פראָסט און איינפאַך
רעט ער — און דאָס מיינט ער —
ווייסט איר ווער דאָס זיינען ?
אַ גליד פון דיינע גלידער,
אַ ביין, פון דיינע ביינער —
פון אַרבעטער פאַריינען ...

אַ בליק, — פון לויטער מאָרגן
אַ וואָרט — פון שטאָל געשמידט, —
ווייסט איר ווער דאָס זיינען?
דאָס זיינען די, וואָס זאָרגן
פאַר אייך אויף יעדן טריט,
און מוטיקן — ווי ווייִנען...

כעס'ט ער זיך, און בייזערט,
און פייערט מיט רציחה, —
ווייסט איר ווער דאָס זיינען?
ברידער פון דער אַרבעט,
וואָס וואַרטן ניט אויף סליחה
און טויטן די וואָס פייַנען...

געזאַנג פון דאָרף.

אויף די פערדלאַך, די קליינע, די שמאָלע, די דאַרע
וועלן מיר קומען צום שטרייטן ! ...
איבער אַייערע קעפּ, ווי אַ פינסטערע כמאַרע,
וועלן מיר קומען צו רייטן ...

מיט אויגן פון בליצן, און דונערשע בריסט —
צעטויטן אייך—גיפטיקע־פליגן ! ...
די גאַזן, קאַנאָנען, זיין וועלן אומזיסט
אונזער מאַטשעטע וועט זיגן ! ...

ניט שניידן דער קאָניע, דעם טאַבאַק ניט פלאַנצן,
ניט טרייבן מאַשינען צו מאָלן ! ...
ביז צו אונז, וועט ניט געהערן, דאָס אַלעס אינגאַנצן !
זאָל בעסער עס וועלקן און פוילן ! ...

די קינדער פאַרהונגערט, די ווייבער צודאַרט ! —
וואָס האָבן מיר דאָ, צו פאַרלירן ? ! ...
מיר זיינען נאָך מערער, אויף די פעלדער פאַרשפּאַרט
ווי אונטער די אייזערנע טירן ...

דעם זאַפט פון דער יוגנט, און ליכט פון דעם טאָג
האָט איר אונז באַרויבט!...
מיר לעבן פאַרפינסטערט, פאַרפייניקט אין פּלאָג,
הפקר — ווי אין ווינטן דער שטויב...

נאָר ס'האָט אונז אַ שטראַל, די אויגן צעעפנט,
באַוויזן — די אמת'ע ליכט...
מיט גלויבן אין מאָרגן — אונז אַלע באַוואָפנט
קעמפן! — דאָס איז אונזער פליכט!...

גרייטן מיר אַלע זיך, אָרעמע מאַסן —
ארויסגיין פריי אין פרימאָרגן...
מיט בלוט און מיט מאַרך, פאַרפלייצן די גאַסן —
פון די—וואָס האָבן פרייהייט דערוואָרגן...

אויף די פערדלאַך, די קליינע, די שמאָלע, די דאַרע,
וועלן מיר קומען צו רייטן! —
ווי אַ ליכטיקע זון, פון אַ פינסטערער כמאַרע, —
פאַר נייע אָנקומענדע צייטן...

דער פייער פון יוגנט.

דער פייער פון יוגנט, ער לאָזט זיך ניט לעשן!
ער רייכט זיך דורך אַלע שפּאַרונעס...
קיין קראַפט וועט פאַרשטיקן דעם כּוח פון לעבן!
וואָס בליט אויף פון זינגענדע סטרונעס...

ציקלאָנען, טאָרנאַדעס און קראַטערשע לאַווע!
איר קענט ניט איין טאָן קלאַנג פאַרמעקן!
ווען טיף אין נשמה אַ בליאיקער ניגון,
שפּראָצט, פון נאַכט שטילקייט צו וועקן...

דורות און יאָרן זיך שטעלן אַנטקעגן,
און זינקען, ביים הויך פון דער ווייט...
אין שטיינער, און פעלזן, אספאַלטן מיר וועגן —
פאַר נייער, פאַר קומענדער צייט.

פון טויזנטער יאָרן, רעליגיעס מנהגים
וואַלגערן ביי אונז זיך צופוסן!
געטער פון יראה אין תפילות געוויקלט
פאַרקלאָגן די לעצטע גענוסן...

און מיר גאָר די פרייע, און מיר גאָר די נייע,
מיר גאָרנישטן, אינגלאַך וואָס זיינען! —
צע׳ממית׳ן די אַלטע, וואָס זיינען געטרייע
צום עבר. פון שקלאַפישע פיינען...

און רופן צום לעבן, און וועקן די אלע
וואָס פינסטערן אין שקלאַפישע יאָכן!
פאַרייניקן טראָפנס אין אַ ריזיקע כוואַליע
צעשמעטערן, דער פעלזיקן קנאָכן!...

און בויען, און סטרויען אויף אלע חורבונות,
אויף אלע מצבות און קברים —
אַ פּאַלאַץ פאַר מאָרגן, אָן נעכטן׳ס חסרונות,
אָן קלאַסן פון רייכע און אָרעם...

ברידער און שוועסטער, אוים פרעמדער! געאייגנט...
אַ טאָג אַזאַ בלענדיקער קומט!
אָ וואונדער פון וועלטן, ס׳וואונדערליך שטויגנד,
פון אומעטום פרייהייט ליד בלומט...

מיר זיינען די גלעקער.

מיר זיינען די גלעקער,
די קלינגער, די וועקער —
און ווען צוקלינגען אויף טאָג! ...
מיר בויער, מיר שמידער,
מיר בעקער, מיר העקער —
מיר שרעקן פאַר קיינעם זיך אָפּ ...

מיר פוילן אין הייל׳ן,
אין שאַכטעס פון קוילן —
פאַרשוואַרצן, דעם ליכטיקסטן טאָג ...
דאָך ליכטיק׳ט אין מוח
מיט העלדישן כוח,
דערהויבן צו זון, אונזער קאָפּ ...

ליכט פון אַלע זייטן.

ליכט פון אַלע זייטן,
ליכט פון אַלע צייטן,
ליכט פון העלע ווייטן, —
שטראָמט אַריין צו מיר! ...
און איך וועל ניט בייטן
ים׳ען גאָלד פון לייטן,
אַ לעבן, אַ פאַרשייטן, —
פאַר איין שטראַל - באַריר ...

שפילן זיך מינוטן —
פונקעדיקע גלוטן,
אין צעשפילטע בלוטן,
און עס קוועלט די וועלט! ...
אַלץ זיך בייט צום גוטן —
פון די ווילדסטע וואוט׳ן,
און די גראָבסטע קנוטן —
ווערט אַ פרייד צוהעלט ...

וואו מיר, פרעמדער, ווייטער?
וואָס, מיר פלאַמען-שוטער?
ווער מיר, ווילדער רייטער?!
אַלע — נאָנטע, ברידער!...
אָט נאָר וואָס פאַרזייט ער, —
און שוין באַלד — אָט שנייט ער,
ס׳איז אַ ביבליש לייטער —
וואו מלאכים זינגען לידער...

שטאַפּלען מיר אַלץ העכער, —
אין צושטראַלטן וויכער,
און מיר שטייגן זיכער
צו די הימלען דאָרט!...
אַ ווינטלדיקער, פעכער —
פאָכט מיט זיידן-טיכער...
און אין האַרץ דער בעכער —
שוימט מיט געטליך-וואָרט...

אַ ריזיקער ווילן.

כ'וויים ניט פין וואַנען ,
עס זיינען פאַראַנען —
אַזויפיל צעזונגענע מאַכן ?! ..
ווי העלדיש זיי שפאַנען ,
אויף רויטע דיוואַנען ,
פון בלומען-פאַרשאָטענע גאַסן ...

מ'זאָגט אַז דאָס קומען
פון יאָרן, פאַרשטומען ...
די נייע די ברויזנדע טענער ;
אַ הילכיקער ברומען ,
האָט וועלטן פאַרנומען ,
אין מאַרש, פון די יובלענדע פענער...

ווער קען עס גאָר פילן ,
די אַלע געשפילן ,
וואָס כוואַליען אַרום אין דער לופט !
אַ ריזיקער ווילן ,
אין פרייהייט פאַרהילן ,
אַלעמען ברידערליך רופט ...

שפרייזט מען צוזאַמען,
דעם שיטל אָפּראַמען,
פון טויזנטער בלוטיקע דורות...
מיט העלישע פלאַמען,
פון ליכטיקע שטאַמען, —
צינדט מען, אויף וועלטן — מנורות.

לייכטן די וועגן,
די שליאַכן, די שטעגן —
מיט ניי-געבוירענע ליכט!..
מ'דאַרף שוין ניט פרעגן!...
עס שיינט דיר אַנטקעגן —
דער לויטערער זוגען - געזיכט...

פרילינג טעג.

פרילינג טעג, ווי רויע ערד, אויפקומען
מוז מען בראָנעווען, און אַקערן, און זייען:
צו די רידלען, גראַבליעס, פלוגן, זיך גענומען,
זאָל די ערד זיך, אונטער אונזער טריט, דערפרייען.

שורות אויסגעווירעטע זאָלן ווערן!
און בייטן, אויפגעפייכטע צו פאַרנעמען —
פון אונזערע הענט — די שטראָמעדיקע קערן,
אין ברוסטיק - ערד, מיט גיריקייט פאַרשצעמען.

וועט אַ זון פון אויבן ליכט זיי געבן,
און וואָלקנס וועלן עמערס וואַסער גיסן —
טיף אין דר'ערד, וועט אויפשפרודלען מיט לעבן...
און יעדערער, פון אונז, וועט עס געניסן...

און קומען וועט אַ צייט פון גאָלדן שניט,
זינגען וועט די וועלט מיט רייפע זאַנגען;
באַגלייט וועט ווערן יעדער איינציק טריט –
פון שפּע - ליד, מיט ערדישע געקלאַנגען...

צום וואַנדערער.

נאָך יאָרן פון וואָגל און וואַנדער—בלייבט שטיין !
זאָל מען באַטראַכטן וואָס האָט אונז, די צייט איינגעשאַפט.
צום פעקל און שטעקן, אַ צולייג אַ שטיין נאָך אַ שטיין ...
צו אַלע די בלוטיקע וואונדן—אַ האַרץ, נאָך פאַרשלאַפט ...

נאָך יאָרן פון וואָגל און וואַנדער—בלייבט שטיין !
צעזייט און צעשפּרייט, איז אין יעדוועדער פעלד, אונזער זוימען ,
בליט און צייטיקט, פאַר פרעמדע וואָס קומען צום שניט ,
פאַרוואָס האָבן מיר אונזערע זוימען, פאַר'הפקר'ט אַליין ? !

נאָך יאָרן פון וואָגל און וואַנדער—בלייבט שטיין !
יעדוועדער כאַטע, זאָל ווערן פאַרפעסטיקט פאַר זיך,
און יעדוועדער בייט זאָל געהערן צו דעם וואָס זיין שווייס
ווי בלוטיקע ריטשקעס געראָנען האָט מוטשענדיק זיך...

נאָך יאָרן פון וואָגל און וואַנדער—בלייבט שטיין !
מיר קענען דער וועלט, אין אַלינקע טיילן שוין איצט :
ס'איז אומעטום חיה, און פויגל, און מענשעלע דאָ —
זאָל יעדער זיך בויען זיין צוקונפט, דאָרט וואו ער זיצט.

מ'האָט מיך גערופן.

— מ'האָט מיך גערופן
אויף אַלינקע וועגן.
— ! איז גיי איך, איז גיי איך
מיט האַמער און האַק
דאַרף מען פאַריכטן ,
! צושטערן און בויען
טראָג איך מיין ווילן ,
מיט גלויבן און מוט.

פאַר אַלע די יאָרן
וואָס זיינען אַריבער ,
אין גריבער געשטרויכלט ,
; אויף יעדוועדער טראָט
קום איך אויסגיסן
אַספאַלטענע וועגן
פאַר העלדישע מחנות
... אויף וועלטן באַפריי

אַ טייך אין דער מיט ?
איז פאַרוואָרפן אַ בריק,
און אַריבער, אַריבער
אין העלן געשפּון...
ס'טאָר ניט קיין ווילע
פאַרשווינדן אומזיסט! —
געגאַנגען, געגאַנגען
פאָראויס צו דער זון!...

מ'האָט מיר גערופן —
אויף אַלינקע וועגן...
איז גיי איך
מיט אַלע גערופענע דאָ!
מיט האַמערס, און רידלען,
קאָסעס און זעגן —
אַ הייליקע מחנה —
אין בויענדער שעה...

פאַרוויגט מיר.

פאַרוויגט מיר שטילע קאָקאָ-צווייגן,
אונטער שאָטנדיקער הילע;
אין מיין האַרצן ברענט אַ פייער—
היילט מיר ווינטעלאַך, איר קילע!...

מענשן, ליידן אָן אַן אויפהער!
און עס נעמט נאָך ניט קיין ברעג...
ווען וועט קומען צייט פון פריידן,
און מיט זיי די פרייע טעג?...

קיינער ווייס מיר ניט צו זאָגן,
אָט אַזוי אָ פלעכט זיך קייט:
רינג אָן רינגעלע פון פלאָגן —
ציט זיך אָן אַן ענדע נויט...

הויכן מענשן אויס נשמות —
אין פאַבריקן-שטויב און רויך;
און אַמאָל אויף פרייע פעלדער
אונטער שווערן יאָך—פאַלט אויך...

ס'איז דער לעבן—שווער און ביטער
אומעטום... וואו עס זאָל ניט זיין !...
ביי יעדן טראָט גיסטו אַ ציטער
ווי אַ שאָטן אין דעם שיין.

פרעמד איז דיר, דיין אייגן כוח,
שוין לאַנג פאַר'משכון'ט אים פאַר ברויט;
האָסט פאַרקויפט דיין גאַנצן לעבן,
און פאַרקויפט זיך—ביזן טויט !...

ס'איז אַ וועלטל אַ פאַרקויפטע,
צו דעם טייוול אין די הענט !...
צאַפּלען אַלע ווי געפּלעפטע,
ווען אַרום אַ פייער ברענט...

פאַרוויגט מיר שטילע קאָקאָ - צווייגן,
מיט די שלאַנקע שפּיזן - בלעטער,
כ'וויל פאַרגעסן, וועלטן - ליידן —
אויף אַ ווײַלע, כאָטש, ביז שפּעטער...

פאַר איך מיינע ליידנדע ברידער.

פאַר אײַך מיינע ליידנדע ברידער, —
פאַרמוטשעטע שקלאַפן, אין וועלט! —
שלייף איך אויס פייליקע לידער,
צו קעמפן, ביז מאָרגן אויפהעלט!...

יאָרן פאַריאָגטע אין פלאָגן —
פון אויפגאַנג ביז זונען-פאַרגאַנג,
ווי רעדער פון פאַבן זיך טראָגן —
אין מאַשיניקן טעמפן-געקלאַנג.

פאַרשטויבט זיינען אין האַרץ, די געפילן,
פאַרשטיינט איז נשמה, פון לייד...
די אַרבעט — פאַרטויבט די געשפילן
וואָס כוואַליען פון זוניקער ווייט...

צעשפּראָצט זיך אַ זינגעדיק-פרילינג,
צעוואַקסט זיך אַ זומער פול פּראַכט,
צעשפּריצט זיינע פאַרבן דער הערבסט,
און ס'כישופ'ט אַ ווינטערדיק-נאַכט.

נאָר ווער פון די אַרבעטער פילט עס ? !
יעדער טאָג האָט זיין כמורניקן גראָ ...
צייטן, און יאָרן זיך בייטן ,
פאַרן שקלאַף—קיין בייט איז ניטאָ ! ...

שטענדיק, מיט שפּראָץ פון באַגינען
פון דער היים, מוז אַליין זיך פאַריאָגן ...
מיט שאָטנס פון אָוונט - געשפּינען—
פאַרמוטשעט, צוריק, זיך אָפּטראָגן ...

און זעט, נאָר, זיינע אייגענע קינדער—
אונטערן שיין פון עלעקטרי און גאַז ...
אין אַ ווינקעלע דזיובען געפינט ער—
דער ווייב, אַ צוטריקנטע, בלאַס ...

פאַר אייך מיינע ליידנדע ברידער ,
פאַרמוטשעטע שקלאַפן אין וועלט ,
שאַרף איך אויס, פייליקע לידער ...
צו קעמפן, פאַר פרייהייט, זיך שטעלט !!!

ווער האָט.

ווער האָט אומעטן, צעוואָרפן איבער וועלט ?
ווער האָט טרויער, אין די הערצער איינגעפלאַנצט ?
ווען די זון האָט זיך, אין מאָרגן־ליכט צעהעלט ,
און אין בלומען—האָט די ערד זיך באַקראַנצט...

ס'איז דער פרילינג, אין דאָס פרילינג־לאַנד געקומען ,
און פון בליטן—זיינען קנאָספּן אויפגעגאַנגען ;
פאַרוואָס הערבסטיקן די הערצער אין געשטומען
ווען ס'ליאַרעמען אויף אַרומען פון געזאַנגען ? ...

ס'איז אַ פרילינג , אויף דאָס גרעזעלע געקומען
אויף דעם קערנדל, געפוילט וואָס האָט אין דר'ערד ;
ס'האָט אַ יעדערער, דעם וועקערס־שטים, פאַרנומען
נאָר מענש אַליין, האָט ניט זיין שטים דערהערט ...

דריקט אַ יאוש, אויף זיין פאַרפייניקטער נשמה ,
און ער וואַקלט זיך , ווי שיכור'ער, אין גאַנג ;
אָפּגעזונדערט, שלייכט ער אום , אַ טמא ...
אין ירידה, פון זיין אייגענעם געפאַנג ...

ווען נישט קומען שעה, פון אמת׳ער באַפרייאונג ?
ווען פרילינג׳ן וועט מענש, מיט אַלץ צוגלייך ! ...
און שפּראָצן וועלן פריידן, אין באַנייאונג ,
און שטראָמען וועט, דער לעבן קלאָר ווי טייך !

קוק איך טיפער זיך, אין מענשנ׳ס־טיף, אריין—
און דערזע אין אים, סימנים פון אַ פרילינג ;
ס׳איז פאַרוויקלט נאָך, מיט שאָטנס איצט דער שיין ,
ווי אין מוטערלייב , פאַרוויקלט ליגט, אַ צווילינג ...

און דער אומעט, וואָס אין אים—איז חבלי־לידה ...
די יסורים—בלויז סימנים פון געבורט ! ...
יעדער איינער איז אין האַרצן שטיל זיך מודה ,
צו דעם פרילינג , איז ער ווייניק נאָך געגורט...

און ער שווערט זיך : פון דעם אייז אַליין באַפריין ! ...
אַרויסשפּרינגען זאָל׳ שטראָם פון איינגן ברעג ! ...
און אַ פרילינג, זאָל דעם מענשן אויך באַנייען ,
און צעשפּרייטן, איבער וועלט, די העלע טעג ! ...

אונזער צייט.

אויף אַ הויכן גרויסן שטאַנג —
הענגט געקרייציקט אונזער צייט,
אונזער צייט! ...
צונג אַרויסגעשטעקט פון זיך
כאָרכלט, בלוטיקט און זי שרייט,
און זי שרייט! ...
וואַרפט און בויגט זיך,
וויגט און דרייט זיך אָן אַ זייט,
אָן אַ זייט ...
פונקען שפּריצן פון אַ נייע ...
וואָס געבירט זיך אין דער ווייט,
אין דער ווייט ...
מיט אַ גלויבעניש אין מאָרגן —
פון די טיפן וואָס באַנייט ...
וואָס באַנייט ...
ס'מוז די אַלטע... זיין באַגראָבן!..
דאַן וועט בליען נייע צייט,
נייע צייט! ...
קומט איר ריזן—הער איך רופן —
קעמפער - יונגען—צו דעם שטרייט,
צו דעם שטרייט! ...

כ׳וויל אַ וואָרט אַ נייעם זאָגן.

כ׳וויל אַ וואָרט אַ נייעם זאָגן! —
אַ וואָרט — וואָס קיינער האָט געזאָגט!
ער זאָל אַלין אין זיך פאַרמאָגן, —
ווי די זון בעת זי טאָגט...

ער זאָל ליכט אין וועלט צושפרייטן,
און פאַרשיינען איבעראַל...
יעדער איינציקן באַגלייטן —
ווי אַ זינגעדיקער קוואַל...

און זאָל וועקן, און זאָל רופן —
צו באַפרייען זיך, פון קייט!...
אָט די אַלע וועלכע שקלאַפן
איינגעקאָוועטע אין נויט!...

און צעיאָגן, און צעטרייבן —
פון די ליכטיקע פאַלאַצן —
אָט די רויבער וועלכע קלייבן
אוצרות-בלוט, צונויף פון מאַסן!...

זאָל צופלאַמען זיך אַ פייער,
און פאַר חורבן׳ען דער וועלט!
ביז אַ מאָרגן-בלי, אַ נייער —
פאַר אַלעמען ... זיך שטעלט! ...

און די טונקל-נאַכטיק שאָטנס —
אין די תהומען, וועט פאַריאָגן!
עס האָט אָנגעהויבן בליען ...
עס האָט אָנגעהויבן טאָגן! ...

ס׳וועלן זינגען, ס׳וועלן טאַנצן,
איבער יובלענדיקע גאַסן;
ס׳וועלן בלענדן, ס׳וועלן גלאַנצן —
ים׳ען, שטורמדיקע-מאַסן! ...

אָט דעם וואָרט וויל איך געפינען —
הויך און שטאָלץ, אין וועלט אים זאָגן!
ווי אַ פונק, אין יעדנס זינען,
זאָל ער אויפוועקן, צום טאָגן! ...

די זון גליט.

די זון גליט ,
ברענט און בריט , ,
ס'איז אין מיטן טאָג ;
אַ ווינטל ציט ,
מיט שטילע טריט ,
קילט אַ ווײַלע אָפּ ...

געוויגן שטייט —
פאַר'חלום'ט , טויט ,
חיה, מענש , און בוים ;
אימעץ שפּרייט —
און פאַרזייט —
פונקען אין דעם רוים ...

אײַנגעשטיקט ,
אין פאַבריק ,
מענשן יונגע זיצן ;
און עס דריקט ,
אין לופט פאַרשטיקט ,
אַ זויערקייט פונ'ם שוויצן...

נאָס די לייבער ,
העמד , און קליידער ,
פון דעם שוויים געצוואָגן ;
ס׳מוז אליין זיך ,
יעדער איינער —
מיט דער אַרבעט יאָגן ...

פליען רעדער ,
יאָגן פּאַסן ,
און די מענשן נאַסע ...
ביז דער אָוונט
אויף די גאַסן ,
פירט אַרויס זיי בלאַסע...

טעג פאַרפינסטערט
אונטער זונען —
ווער וואָלט עס גאָר גלויבן ?
כ׳האָב מיליאָנען
זיי געפונען —
צוטראָטענע... ווי שטויבן...

ערשטער—מאַי.

מיר גייען געאָרעמט אויף ליכטיקע גאַסן,
אונטער דעם פלאַטער פון פאָנען, די רויטע;
העלדישע יונגען, פאַרבּרידערטע מאַסן,
פאַרפלאָכטן ווי רינגען איינס אין די צווייטע...

קלינגען, ווי קייטן פון ערגעץ געצויגן —
מיר אַלע די יובּלענדע גייער,
רינגען פון אַחדות, אין הערצער פאַרלייגן,
מיר זיינען די זריעה - פאַרזייער...

היינט איז די שטימע בּיי אונז נאָך פאַרשלאָסן,
פאַרצאַמט, איז דער וואָרט נאָך אין מויל,
נאָר צייט, — זי וועט קומען פון בּלוט אויסגעגאָסן —
פאַרציטערן וועלטן פון גרויל!...

ס'בּאַגריסן אונז הערצער אויף אַלינקע ראָגן!...
און זינגען נאָך שטיל, אָן א זייט...
נאָר בּאַלד וועט פון חשכות שוין אָנהויבּן טאָגן —
און פאַרפלעכטן מיט ליכט אונזער צייט!...

און גיין, וועלן מיר אַלע — אַקסל צו אַקסל —
פאָראויס, אָן אַ ברעג אָן אַ ברעג! ...
מיר זיינען פאַרזייערס, מיר זייען די זריעה —
פון אייביקע, ליכטיקע טעג! ...

ליכט.

אויף דער גרויער גאַס
האָט זיך צעגאָסן ליכט,
און אין דער ליכט האָבן זיך באַוויזן מענשן;
שטראַלט פון פרייד
יעדערנס געזיכט,
און אין האַרצן טיף, דער ליכטיקייט זיי בענשן.

אַ נאַכט אַוועק
און אַ טאָג איז דאָ,
די אַרבעט רופט אין דעמפיקן געשטיק;
דאָך גוט איז אויך
אָט די פערטל שעה,
וואָס זון באַגלייט, אין וועג צו דער פאַבריק.

עס גיט דיר מוט
און גלויבן מערער נאָך:
אין טאָג וואָס האָט געקענט פון נאַכט באַפרייען;
ווי זאָל ער ניט,
דעם מענשן פון דעם יאָך,
העלפן אים מיט פרייהייט זיך באַנייען?

לאָזט די אַרבעט אים
נישט דיינקען און נישט טראַכטן,
און נאָגט פון אים אַרויס זיין יוגנט-זאַפט;
דאָך בליען אויף
די זוניקע פאַרנאַכטן,
און צינדן אָן, אין אים, זיין ריזן-קראַפט.

שפּרייזט ער מוטיק
מיט אַ טראָט אַ פעסטן,
צו זיך אַ היים, וואו פרוי און קינדער וואַרטן;
ווי פויגעלאַך
פאַרטוליעטע אין נעסטן...
קושט ער אויס די פּנים׳לאַך די צאַרטע.

זעצט מען אַלע זיך
ביים טיש צום עסן
זינגען אויגן, הערצער, גאָפּלען, מעסער, טעלער;
און דער פּיין פון אַרבעט
ווערט פאַרגעסן...
און דער גלויבן אין דעם מאָרגן ווערט אַלץ העלער...

די וועלט איז ניי.

די וועלט איז ניי,
די וועלט איז פריי,
די וועלט איז פול מיט פרייד;
ריי נאָך ריי
מיט זינגעריי,
איך זע זי קומט, זי גייט!

ווער האָט געזאָגט,
ווער האָט געקלאָגט,
אַז טויט איז שוין די צייט?
פאַרקערט, עס טאָגט,
פאַרקערט, עס גלאָקט,
עס קומט די צייט באַנייט!

מיט ליד און זונג,
מיט טאַנץ און שפרונג,
אַ מחנה יוגנט שפרייזט,
מיט הילכיק קלונג,
מיט העלן פונק,
שווארצער נאַכט צערייסט!

און זעט נאָר טריט ,
און זעט ווי ס׳גליט
בײַ זײַ אין האַנט די פאָן !
פאַלט און קניט
און גייט אויך מיט ,
די פרייהייט הויבט ערשט אָן !

ס׳איז ניט קיין טרוים ,
עס פּלאַצט דער צוים ,
איר זעט עס פאַר די אויגן ;
ס׳גלויבט זיך קוים ,
אַז שוואַרצער רוים
מיט לויטער ליכט פאַרצויגן !

ס׳איז געשען ,
דער געטליך ברען ,
האָט אין מענש דערוועקט :
די אויג צו זען
פון פרעמדע ווען
די הענט צו דיר געשטרעקט !

V

באלאדן און פאעמען.

דער לעצטער בריוו. באַלאַדע.

1

די נאַכט האָט אים קיין רו געגעבן,
איר בילד האָט ער פאַר זיך געזען...
ער קען אָן איר, אַ ווייל ניט לעבן —
אָ ווען וועט זי שוין זיין, אָ ווען!?...

באַגינען, ווען דער מאָרגן-שטערן
איז נעגאַנגען זון באַגריסן,
האָט ער אַ בריוו צו איר געשריבן —
פון זיין ליבע-פיין, זאָל וויסן...

איינגעטונקט דער שוואַרצער פעדער,
אין די וואונדן פון זיין האַרץ;
און מיט בלוט האָט ער געשריבן
איר, אַ בריוועלע, אַ צאַרט'ס:—

קום געליבטע! קום דו מיינע!
גיכער, גיכער דאָ אַ הער —
פרעג די עלטערן נישט, דיינע,
ס'איז אַליין צו זיין מיר שווער...

ס'וועט בײַ מיר, דיר גאָרניט פעלן,
אַלץ וועל איך דיר ברענגען דאָ...
וואָס דיר וועט זיך נאָר פאַרוועלן
וועט קיין תירוץ זײַן — נישטאָ...

אַזוי האָט ער דעם בריוו געשריבן,
אים פאַרקלעפּט, און אָפּגעשיקט,
נאָר אין האַרץ איז אים פאַרבליבן
אַ פײַנליך-שרעק, וואָס האָט געשטיקט...

ס'איז אַ וואָך שוין באַלד אַריבער—
און קיין ענטפער קומט נאָך ניט;
ער זעט פאַר זיך, נאָר קברים גריבער—
באַגלייטן אים, אויף שריט און טריט...

ער זעט דער זון בײַטאָג אין הימל—
זי שײַנט דאָרט הויך, נאָר ניט פאַר אים
ער זעט נאָר שוואַרץ, ראָסט, און שימל...
עס קלינגט אים נאָך אַ טויטן-שטים...

2

טאָכטער מײַנע, וואָס איז דאָס? —
פרעגט דער אַלטער טאַטע איר —
גאָרניט, טאַטע, ענטפערט זי,
בלויז אַ שטיקעלע פּאַפּיר...

אויב אַזוי — טו זאָג מיר וואָס
איז געשריבן, דאָרט אין אים ?
האָט געקלונגען מיט פּאַרדראָס
זיין בייזע פּאָטערליכע שטים.

וויים איך וואָס ? בעט זי זיך —
לאָז מיר טאַטענקע צורו...
און זי טראָגט זיך אָפּ אויף גיך...
ער לויפט און כאַפּט דעם בריוול צו.

וואַרט ! איך וועל דיר ווייזן חצופה ! —
כעס'ט ער זיך, אַ בייזער ווילד ;
און מיט אַ היה'שער - רציחה
האָט די בלוט זיך אים צושפּילט...

כ'וועל דיר ווייזן וואָס איז ליבע ! —
קלאַפּט ער פויסטן איר אין קאָפּ—
און ער רייסט איר פאַר דער גזשיבע,
שלעפּט איר צו די פים אַראָפּ...

אַ פאַרפייניקטע צו הרג'עט
ליגט זי, ווי אַ קרבן שטיל...
און אין בראַנד פון די יסורים
לויטערט זיך איר דער געפיל...

ניין ! איך וועל אָט דאָ, נישט בלייבן ! —
בעסער זיך דעם לעבן נעמען ...
ווען איך זאָל אים דאָס קענען שרייבן ,
אָדער אָנזאָגן דורך וועמען ...

וואָלט איך גליקליך צו דער תליה —
מיט אַ פרייד , און שטאָלץ געגאַנגען ...
אַז איך זאָל האָבן נאָר די זכיה —
ער זאָל מיר טרעפן ... כאָטש, געהאַנגען ...

3

אין שטוב האָט זיך געהערט אַ כראָפּען,—
ס'האָבן אַלע, שטאַרק, געשלאָפן ; —
אין אַ העמדל, הויל און באָרוועס
איז זי, פון דער היים, אַנטלאָפן ...

אַ שטריק האָט זי אויף אירע אַקסלען
מיט זיך אנשטאָט אַ פריינט, געטראָגן ...
יונגע, פרישע גלידער צאַפּלען
פון דעם נאַכטיקן טוי געצוואָגן...

ווי אַ וויכער איבער סטעפּעס —
צווישן קוסטעס, דערנער, גראָזן ,
איבער בערגלאַך, איבער טאָלן
האָט זי זיך אַליין געלאָזן ...

ווייט פון היים, און ווייט פון וועגן —
אין מיטן פעלד אַ פּאַלמע איינזאַם.
ביי וועמען האָב איך זיך צו פרעגן ?
דאָ—וועל הייגגען זיך, געראַם ...

נישט געטראַכט, פלינק געקלעטערט,
אויפן שפּיץ—פאַרבינט דעם שטריק ...
און די האַלז, אַליין פאַרפעטעליעט —
גיכער, פריינט מיינער—דערשטיק !!.

אַ צונג, דער וועלט, זי שטעלט אַרויס —
דו ביסט נישט ווערט די לייד פון מיר !
אָט נאָך איין טרייסל גיב איך בלויז , —
און פאַרענדיק שוין מיט דיר ...

אַ טאָג, און צוויי, און דריי—זי הייגגט ,
באַקרוינט פון גרינע פּאַלמען־בלעטער , —
שוואַרצע פויגלען, פליען אום ;
ס׳אַראַ סעודה זיין, וועט שפּעטער ...

איבער פעלדער, שטעט, און שטעטלאַך
לויפט דער טאַטע אום און זוכט ...
און איבער אים זינגען פויגלען —
מיר האָבן, לאַנג, איר שוין פאַרזוכט ...

איבער ווילדע, וויכטע, פעלדער,
צווישן קוסטעס, דערנער־פלאָנטער. —
לויפט אין וואַנזין דער געליבטער —
זיין געליבטע, זוכט ער, מאָנט ער ...

טאָג און נאַכט, ער ווייס, פון רו, ניט —
נאָר ס׳טרייבט אים, ווי אַ רוח
וואָלט אין אים, דאָרטן געזעסן, —
און געשלעפּט אים, מיט זיין כוח ...

עפּעס סוד׳ען זיך די וועגן
מיט די גראָזן און די בוימער: —
שוין צו שפּעט, ביסטו געקומען! —
דו אומגליקליכער — טרוימער ...

אָט אָ, דוכט זיך אים, זי לויפט דאָרט! ...
און ער יאָגט איר נאָך צום כאַפּן;
און אָט האַלט ער איר אַרום! —
נאָר די פינגער — שטיינער טאַפּן ...

און האָט זילבערט זיך אַ טייכל;
ער דערזעט איר דאָרטן שווימען,
און ער שפּרינגט אַריין אין וואַסער —
נאָר ער קען איר ניט געפינען ...

ער לויפט און יאָגט, צופליקט, פאַוואונדעט,
עס שטורעמט אויף די שוואַרצע נאַכט,
לעם אַ בוים ער פאַלט אַ נידער,
עס בליצט—און גלייך, אַ דונער קראַכט!

און ביים שיין—האָט ער דערזען,
איבער אים, א מענשן הייגגען! ...
ווער? און וואָס? פון וואַנען? ווען?—
האָט געקענט אהער אים ברייגגען?!

אָט אַזוי האָט ער געקלערט,
אַ גאַנצע נאַכט ביז מאָרגן פרי—
ווען ער, זיך הייגגען, איז אַרויף—
און האָט דערקענט—אַז דאָס איז זי.

טראַפּישע - בלוט. באַלאַדע.

1

די טראַפּישע, זודיקע בלוט —
האָט אין אים, ווי אַ פייער, געגליט;
קיין רגע האָט ער נים גערוט —
ווי אַ ווילדער געשטעלט זיינע טריט ...

דאָ לויפט ער אַהין, דאָ אַהער —
אָן אַ זין, אָן אַ צוועק, אָן אַ ציל ...
אַ בלאַסער, פאַרפיינקטער אין קלער,
געפייניקט פון אייגן געפיל ...

ווי קען ער דערגרייכן צו איר —
פאַרנומען האָט אים דער געדאַנק— ...
פאַרשלאָסן איז שטענדיק איר טיר,
און ער, איז פון ביינקונג שוין קראַנק ...

גייט ער איר פענסטער פאַרביי,
ווער ציילן קען גאָר וויפל מאָל? ...
און שטענדיק, הערט ער, ווי פריי
עס קלינגט, דורך די גראַטעס איר קול ...

זי זינגט אַזוי ליריש, באַהאַרצט,
דעם ליד פון איר יוגנט-צעבלי ...
איר מוטער, זיין לעבן פאַרשוואַרצט,
פאַרשטיקט ווי אַש — זיין טלי! ...

שטענדיק זי היט אירע טריט,
לאָזט איר ניט וואַרפן אַ בליק ...
אין האַרצן אַ פייער איר גליט;
אַ וויל כאַטש דערפילן פון גליק...

זי ליבט אים אויך, פלאַמעדיק-ווילד!..
ווי ער — דער פאַרליבטער אין איר —
נאָר אַ מאַסקע מוז טראָגן פון מילד ...
עס זאָל קיינער דערקענען איר שפיר ..

לויפן טעג און מאָנאַטן אַריין —
דער פייער נאָך שטאַרקער, ער ווערט...
און אין טרוים פון דעם געטליכן שיין,
ליבן זיך צוויי אומגעשטערט ...

2

עס בליט אָריענטאַלישע נאַכט, —
פאַרפלייצט מיט לבנה'קה שיין ...
זי ליגט אין איר בעטל פאַרטראַכט,
טרוימט פון זיין ליבע און פיין ...

עס קלינגט דער זייגער שוין איינס ...
דאָס שטעטעלע שלאָפט שוין פון לאַנג ;
זי ליגט , אַזאַ פרישע , אַ ריינס ,
ווי צייטיקע קערנער אין זאַנג ...

ס׳רייסט זיך די שטילקייט פון נאַכט ,
טענער—פון הימל אַראָפּ—
ווי קוועלכעלאַך פרישינקע, זאַכט ,
טוליען זיך, גלעטן איר קאָפּ ...

עס שניידט אַזוי טיף, אין דער האַרץ
מע׳זינגט אַ סערענאַדע פאַר איר ;
דאָס האָט ער, געדונגען מסתּם ...
צו שפּילן, בײַ נאַכט, פאַר איר טיר ...

דריי זינגער און שפּילער דאָרט שטייען —
מיט גיטאַרעס, פאַרטרוימטע זיי שפּילן ...
נאָך טיפער, איר, ווערן די ווייען —
אין שרפה , פון יונגע געפילן ...

זי וואַרפט זיך, ווי אַ שלאַנג, אין איר בעט
געפייניקט—פון דער סערענאַדע :
דאָרט גוסס׳ט ער, איינזאַם דיין ליבסטער,
דו ווייסט דאָך געוויס עס אַוודאי ...

דו איינע, דו קענסט אים נאָר היילן—
דו האָסט דאָך זיין האַרץ, זיין נשמה ...
פאַרלאָז דיין מאַמעס פיר איילן ,
און ברייננ אים, אַ הילף, אַ נחמה ! ...

זיי ווייסן מיר זיינען געקומען
פון אים געשיקט דאָ, צו דיר ! ...
אָ , לאָז ניט אַ האַרץ זאָל פאַרשטומען ,
וואָס האָט אַזאַ גאָלדענע טיר ...

פאַרגעס ניט, פאַרגעס ניט געליבטע —
דאָרט גוסס'ט, וועלקט דאָרך זיין יוגנט !..
ער האָט דאָך זיין לעבן געשאָנקען ,
פאַר'הפקר'ט—מיט דיר זיך באַגוגנט...

שטיל איז געוואָרן אין דרויסן ...
די נאַכט האָט אין שטילקייט, געשיינט ,
אין טיפע יסורים , פאַרשטיקט —
צוויי הערצער זיך האָבן געפיינט ...

3

דער טאָג האָט געפלוטיקט אין שקיעה ;
פאַרפלעקט איז געווען אַלץ אין רויט ,
ער האָט דורך די פענסטער - גראַטעס
איר אַ צעטל געגעבן—זיי גרייט ! ...

ביינאַכט, ווען אַלץ האָט געשלאָפֿן
אין טיפֿן פֿאַרזונקענעם שלאָף,
האָבן איר ליכטיקע בטראָפֿן —
געשפּונען דעם גליקליכן כוף ...

און ער, איז שטיל אָנגעקומען ...
קוים וואָס מען הערט ווי ער גייט...
עס האָט איר אַ שרעק אָנגענומען,
נאָר גלייך האָט דאָס האַרץ זיך דערפֿרייט.

זי ווינט זיך ביי אים אין די אָרעמס ...
דער פֿערדל, ער יאָגט אין דער ווייט ...
די פּאַלמעס, ווי שטומע עדות —
קוקן זיך צו ווי ער רייט.

בלאַסער, זיך בלאַסערט לבנה,
די שטערנדלאַך לעשן זיך, שווינדן —
אין די הערצער, זינגען שוין שטראַלן,
פֿון לויטערן מאָרגן געצונדן ...

אים דוכט זיך, מ'יאָגט נאָך פֿון הינטן —
ער שניידט מיט די שפּאָרן, יאָגט גיכער...
דער פֿערד ווי געטראָגן פֿון ווינטן
אין אַ ווילדן ציקלאָנישן־וויכער ...

און אַט, שוין גרויט, דער באַגינען;
פון ווייטן דאָרט זעט זיך אַ כאַטקע—
זיי לאָזן זיך דאָרט, צו געפינען
ווי טויבן פאַרליבטע—אַ קלאַדקע...

און ס׳האָט ניט גענאַרט דער געוויסן, —
אַנטקעגן זיי, זיינען געקומען.
אַן אַלטינקע פּאָר, אַזוי ליבליך—
און ווי קינדער זיי אויפגענומען...

וויינען זיי שטיל זיך, צוזאַמען...
אַרבעטן, לעבן ווי טויבן
אויף דעם שוים פון דער מאַמען...
וואָס בליט, מיט ליכטיקן גלויבן...

שטראַלן, פויגל, און גרינסן —
באַקראַנצן זייער אידילישן - לעבן...
און ס׳הערט זיך אַ שטילינקער בענטשן: —
זאָל אייביק די ליבע זיך וועבן!..

נאָסקע. פּאָעמע.

1

אַן איינגעוויקלטע אין לאַכעס, איז אַ בּלאַסע פרוי געזעסן,
און צו איר האָט זיך געטוליעט אַן עופעלע בּיים בּרוסט;
ער האָט געשמאַטשקעט און געצויגן, די אַיינגעדאַרטע אַפּלען,
אַז יעדער טראָפּן רינט פון האַרצן, האָט ער ניט געוואוסט...

האָט ער בּייסנדיק געזויגן, און זיך זויגנדיק דערקוויקט
און די מאַמע, האָט איר ווייטאָק, אין דעם שנירל-מילך פאַרזייט;
און צוויי אויסגעפּיינטע אויגן פון דער פינסטערניש אין שטוב —
האָבּן עלנטע געבּליקט, דורך דער שייבּל, ווי עס שנייט.

טרערן ווי די פּערל, האָבּן איר, דעם בּליק פאַרשטעלט
און אויפן בּרוסט אַראָפּגעקייקלט האָבּן זיי זיך פלינק;
אין די הייסע ליפּעלאַך, האָט ער זיי דערפילט.
ניט נאָר מילך—אויך טרערן—קינד מיינס! קינד מיינס! טרינק!

אַ קרים האָט ער געגעבּן זיך, די בּרוסט אָרויס פון מויל...
בּיטערע טראָפּנס טרערן—טרינקען וועט ער ניט! —
און ס'האָבּן הענט און פיסלאַך צובּריקעט זיך, צעשריען—
אין זיין קינדיש הערצל—האט אַ קעמפער אויפגעבּליט

די מאַמע האָט. אין וויגל, אים איינגעדעקט,
פאַרלוליעט ...

אַליין אַוועק צום ברונעם, דאס פרעמדע גרעט
אָפּשווייבקען;

פון דעם האָט זי אַ לעבן, אין דחקות, אויסגעמאַטערט,
פון אייגן מי און אַרבעט — און קיינעמס ניט
געשאָנקען...

אַ שטיקל ברויט, קאַרטאָפל, אַמאָל אַ ביסל מילך
אין שטוב איז שוין אַ יום־טוב, קינד און מאַמע עסן...
אַ טינטער מיט אַ מעשל, און אַ קנייטל־וויים —
ברענט אַ ביסל גאָזע, און פינסטערנעש פאַרגעסן ...

געהאַט האָט ער אַ טאַטן, — דערציילט האָט אים די
מאַמע —

געווען איז ער אַ יונגער, געזונט און שטאַרק ווי שטאָל;
באַגינען צו דער אַרבעט געאיילט זיך ניט פאַרזאַמען,
און אוונט אפגעבראַכט אים, — ווי אַ זעקל מעל
צעמאָלן ...

כ'האָב זיך דאַן אין קבר, מיט אים, געוואָלט
באַגראָבן;

מיין האַרץ, נשמה, און ליכט — אַוועקגערויבט פון מיר
נאָר דו מיין יונגער שטערן, האָסט מיר אפגעהאַלטן
און איך האָב זיך פאַרשוואָרן צו מקריב זיין פאַר דיר.

2

די צייט איז אנגעלאָפן, און ער איז אויסגעוואָקסן, —
מ׳דאַרף אים געבן לערנען, און ס׳איז קיין געלט נישטאָ
זי האט קיין נאַכט געשלאָפן, דער מוח זיך געשפאלטן;
אַ וויטאַק טיף אין האַרצן, האט איר געל געמאַכט
און בלאָ...

איז זי אַוועק צום גבאַי, פון דער תלמוד-תורה,
אין איר האַנט, דאס הענטל, פון דעם קינד געדריקט.
דעם לעצטן בים אָפּשפּאָרן און פאַרן לערנען צאלן —
גערעדט האט זי צום גבאַי, מיט טרערן זיך געשטיקט.

נו—מיר וועלן זען שוין שפּעטער, ווי ריכטיק איר
וועט צאלן,
דערווײַלע ברייננט אַ משכון אויב איר קיין געלט
ניט האט —
האט ער פון זיין פאַטעל, איר קורץ און שאַרף
געענטפערט,
און מיט פאַרשמאַלצטע אויגן איר אָנגעקוקט מיט
שפּאָט...

אַ שטראָם האט זיך געעפנט, און פלייצן האט
גענומען,
אַ קוואַל פון בלוט מיט טרערן, פון איר קראַנקער
האַרץ;
זי האט מיט איר פאַטשיילע אויסגעווישט דעם פּנים,
און אַלץ אַרום געגלאַצט האט, כמורנעדיק און
שוואַרץ...

זי איז אין שטוב אַוועק, אַ טאָרבעטשקע געעפנט —
ס'האָט אַ בליין געגעבן, ווי ס'וואָלט אין נאַכט געטאָגט...
אַ רינגעלע אַ גאָלדנס, ווי אַן אויפגעדרייטער שליינגל,
האט אין האַנט געציטערט ..איר איינציקער פאַרמאָג...

זעסט מיין קינד דאָס רינגל ? — דאס איז מיין קדושן-רינג...
כ'האָב געהיט אים שטענדיק, ווי אַ הייליקייט ביי מיר!
ס'איז מיין ליבסטער אָנדיינק, פון דיין גוטן פאָטער,
און איצט וועל אים פאַרקויפן, מיין קינד,—צו לערנען דיר ! ...

און זע, דו זאָלסט זיך לערנען, צו זיין אַ גוטער מענש
און גיין אין וועג פון טאַטן: אָרענטלעך צום לעבן...
זעסטו מענשן ליידן—העלפן זאָלסטו זיי שטענדיק !
און דיין לעצטן ביסן—דעם הונגעריקן געבן...

3

אין חדר זיינען אינגלאַך, געווען אַ סך ווי ער,
געלערנט האָט אַ רבי, מיט אַ לאַנגער באָרד ,
און אַ ברייטן רימען, צום שמייסן האט געהאַט ,
מיט אַ לאַנגע טייטל—געטייטלט אויפן וואָרט ...

דער ערשטער פלעגט ער קומען, און אַוועקגיין לעצט,
און לערנען מיט התמדה, אין הונגער און אין קעלט.
אַזוי איז ער געשטיגן, פון איין קלאַס צו דעם צווייטן,
כאָטש דאָס ברויט צו זאַט, האָט שטענדיק אים געפעלט...

האָט ער אין זיך געשלונגען, ווי אַ דורשטיקער פון קוואַל—
חומש, תנ״ך, גמרא און אַ תוספות׳ל שוין אויך ...
געבענטשט האָט זיך אין שטעטל, אַ יעדערער מיט אים —
כאָטש דאַר געווען ווי אַ שטעקן, און פנים—געלבלעך בלייך ...

נאָר דאָ האָט זיך מלחמה, אין שטעטעלע צופלאַקערט
און אויף זיין דינעם אַקסל, אַרויפגעוואָרפן יאָך ;
פלעגט ער גיין אין דערפל, נאָך אַ זעקל קאָרן ,
און אוים מיט לערנען תורה! די מאַמע הונגערט דאָך !

אַוועק זיינען מאָנאַטן, פון שלעפעניש אין דאָרף...
האָט ער גענומען טראַכטן, אַ תכלית זען פאַר זיך—
איז ער אַוועק צום שטעפער, לערנען זיך אַ פאַך ,
נאָר דאָרטן—האָט מען נאַכט־טעג, געלערנט טראָגן אים ...

געקערט האָט ער דעם צימער, און וואַסער געשלעפּט,
און בּרעמיעס האָלץ געטראָגן, פאַרן בעל־בּית.
פלעגט ער ציין פאַרשציטען, און פאָלגן וואָס מ׳הייסט.
און אין טיף פון האַרץ—זיך גריזשען פון פאַרדראָס...

אַזוי האָט ער דעם פאַך, זיך אויסגעלערנט פאָרט,
אויף בּרויט און קאַרטאָפל, האָט ער שוין פאַרדינט;
האָט ער מיט אלטער מאַמען, געלעבּט זיך רואיק שטיל—
און בּיי אים אין מוח, אַ טרוים האט זיך געשפּינט.

געקענט האָט ער פיל אינגלעך, אַזוי ווי ער נאָך יונג,
לעבּן לוסטיק, פריילאַך, לערנען און שטודירן...
און ליכטיק איז, און וואַרעם, שטענדיק זייער היים
און ער, נאָך טאָג פון שקלאַפן, מוז פינסטערן אין פרירן...

מיין מאַמע שטענדיק אַרבּעט, און איך אַ קינד שוין אויך,
און מיר האָבּן גאָר ניט!.. חוץ הונגער, לייד, און פּיין!...
און דאָרט— איז שטענדיק יום־טוב בּיי די בעלי־בּתים,
טונקען זיך אין נחת, און באָדן זיך אין שיין...

ניין, איך מוז דאס וויסן! — פאַרוואס אַזוי זאָל זיין?
איז דער שכר פון אַרבעט, ווייניקער פון רו?!
זיי — וואס אונז דערדריקן, טאַנצן אָפּ אַ לעבן! —
און אַרבעטער, פאַרשוואַרצטע, שטיקן זיי נאָך צו...

האָט ער געזוכט אַ חבר, וואס זאָל אַן ענטפער געבן
אויף אַלע זיינע פראַגעס, וואס דעם מוח שפּאַלט...
און טאַקע ביי דער אַרבעט, האָט ער אים געפונען,
אויף אַ שוסטער - בּיינקל, — אַ גרויענקן שוין אַלט...

כ'האָב פאַר דיר אַ ביכל, דאָרט וועסטו געפינען
איין-און-איינציק ענטפער, אויף אַלע דיינע פראַגעס...
זאָלסט אים גוט נאָר לערנען, וויסן וואס צום טאָן...
דער ענטפער, קומט דורך מעשים...קינד מיינס ניט
פאַרגעס!...

האָט ער דעם בוך געלערנט, און לעמפּל האָט
געקאָפּטשעט
און אויג האט זיך געעפנט, און האַרץ האט זיך
באַפרייט, —
ער וועט איצטער וויסן, ווי צום זיין אַ קעמפער.
און פאָרויס, פאַר אַלע, זיך וואַרפן אין דעם שטרייט...

אַזוי איז ער געוואָרן דער אינגסטער, בעסטער פירער. .
און אומעטום דער ערשטער איז ער געלאָפן באַלד,
פון זיין מויל איז פייער, ריידנדיק געפלויגן—
און ער האָט די מאַסן, מיט זיין ליכט, פאַרשטראַלט.

אַ בלוטיקער פאַרנאַכט...זיין הויז האָט מען באַלאַגערט.
ביקסן אָנגעלאָדענע שטייען שטאָלץ און וואַרטן...
און ער האָט דאַן צופוסן, פון שטעטל אָפּגעצויגן...
אין אַ כמורנעם אָוונט, אַ גימזשיקן... אַ קאַלטן...

4

כוד'ען זיך די גראָזן, איבער שוואַרצע פעלדער,
מיט די בוימער, צווייגן, ביי די זייטן וועג —
ס'גייט אַ יונגער קעמפער, אויף וועלטן צו באַפרייען,
און ער ווייס ניט, ציטער—און ער פילט ניט שרעק...

שטעלט ער טריט פאַר'עקשנ'ט, פאָרויס אין נאַכט
געריסן! ...
זאָל די וועלט נאָך שוואַרצן, איך וועל טאָג שוין
ברייננגען!...
איז ניט דאָ!—-איז דאָרטן... איבער ווייטע ים'ען,
מוז די ליכט אויפקומען, און דער נאַכט אומברייננגען.

הינט ווילן מיר צורייסן, ווייל איך בין אַ מענש ! ...
און וועק, און רוף די שקלאַפן — זיך באַפרייען גיין —
פון די פינסטערע כאַטעס, פון די ווילגאָטנע קעלערס
פון די בלוט - אויסזייגערס, און די מאַרך פון ביין !...

איך וועל ווייטער רופן ! — שטענדיק וועקן, שלעפן ...
מיט דעם לעצטן טראָפּן וואס אין מיר וועט זיין...
און איך וועל ניט רוען, ביז די זון וועט אויפגיין —
אויף אַ באַפרייטע וועלט, אין ברידערליכן שיין.

זיינען לענדער נייע, אים פאַרבייגעלאפן —
מיט פרעמדע פעלקער, שפראַכן, און דאס זעלבע לייד
און אָט דער ליידן-פאַדים, בינט דער וועלט צוזאַמען,
די אַרבעטער פאַרייניקט, פון דער ווייטסטער ווייט...

5

שפרינגען בערג און טאלן אין אויפגעשוימטן פרעגל,
און די שיף זיך פילקעט: אַראפּצו און אַרויף...
— כוואַליען פריידן-טענער פון צע'ים'טע הערצער —
פעלקער, ראַסן, שפראַכן, אין איין ניגון - לויף...

אין דער מיט פון אַלע שיינט ער, ווי אַ פאַקל,
און עס שפריצן פונקען, פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל ...
ס׳האָבן אלע זיך פאַראייניקט, מיט צעפלאַמטע ווילנס
און צעשטראַלטע אויגן — צום טיראַנען - פאַל ...

זעט ער: מענשן שוואַרצע, ווייסע, געלע, ברוינע...
ווער האָט זיי פאַרטריבן, דאָ אין מיטן ים ? —
ס׳האָט יעדן אין זיין ווינקל, די נויט און לייד
געמוטשעט —
און דאָ ! צונויפגעגאָסן אין איין פעלזן-צאַם ...

שנייט די שיף צום מערב, אַנטקעגן — לויפט צום
מזרח,
און אין ביידע שיפן, יאָגן מענשן זיך אָן רו ...
די, פון דאָרט צעלויפן, וואו די צווייטע איילן ...
מ׳יאָגט זיך אום אין וואַנזין, און מ׳ווייס ניט וואו ...

ס׳פעלט אין וועלט דער רודער !.. וואָס זאָל פירן, טרייבן
צו אַן איינציקן פונקט, אין דעם לעבנס ציל.
בליצט ביי אים אין מוח אויף, אָט דער געדאַנק,
קוקנדיק פאַרטראַכט, אין דעם וועלן - שפיל ...

פון דער ווייסן פּינטלט ערד, נאָך וואָכן וואַסער...
און אין האַרצן ליכטיקט — בּאַלד אין זון־לאַנד זיין,
וואו ס׳הויבּן פּאַלמעס, שטאָלצע, זיך צום הימל,
אין אַ שטילן חלום, אונטער זונען־שיין...

אָט שוין לייכטן בּלענדן, ווייס ווי שניי פּאַלאַצן:
האַוואַנאַ, ווי אַ שטערן, שיינט אַרויס פון ים...
דאַרף מען זען אין פּאַלאַץ — זאָל דער בּויער ווייגען;
ניט ווי איצט, דאָרט זויפן, גבירים מן הסתם..

6

דורך די שמאָלע גאַסן, שלעפּט ער זיך אַ בּלאַסער
פול מיט צער אין האַרצן אַף דער שלייגיש־וועלט;
קוקט אַריין דורך גראַטעס, אינ׳ם אַרבּעטער־לעבּן —
וואו אין לאַנד פון זונען — אַ טראָפּן ליכט אים פעלט.

שוין צווייטער טאָג קיין בּיכן אין זיין מויל געקומען
חוץ אַ בּיסל וואַסער, אין בּאָדעגאַ קריגט...
און בּיינאַכט, אין פּאַרק, לאָזט מען אויך ניט שלאָפן,
ס׳קלאַפּט דיר אָן פּאָליסמאַן, און דעם שלאָף צופליקט.

קריכט ער פון באַגינען צופוס אין אַלע ווינקלען,
וואו מ'בויט פּאַלאַצן פאַר אַ הונגער - לוין ...
זעט ער מענטשן ווייקן אין דעם אייגן שווייס זיך,
בעט ער אויך דאָס זעלבע, נאָר מ'ענטפערט—-ניין !..

איז אַ טאָג געקומען, — מ'פאַרשרייבט אויף אַרבעט
ערגעץ אויף אַ ליניע, אין די קאַמפּן ווייט ...
ער דער ערשטער אייליק, לויפט און כאַפּט דעם פּעקל—
און ער זיצט אין באַן שוין, וועלכער בערג צושניידט...

אַ רידל מיט אַ פּיקע—ברעכן זיינע אַקסלען,
איבער וויסטע פעלדער טרייבט מען זיי אַרויס ...
און מ'שלעפּט די באַלן, אין צופוילטע העמדער,
פון שטינקעדיקע לייבער, אַדורכגעווייקט אין שווייס.

צודאַרטע ברויט מיט קאַווע, אַ זופּ, אַ שטיקל פליייש.
צוביסן פון מאָסקיטן גייט אַוועק אַ טאָג ...
ביינאַכט אין די גאַמאַקן, אין עיפּוש'דיקע שטאַלן,
צעפרעסן, פון קוקאַראַטשעס, שפּאַרט מען צו די קאָפּ.

אַוועק זיינען מאָנאַטן אין חושך'ניש געטונקטע,
ניין, איך טאָר ניט שווייגן! — דערפילט האָט ער אין זיך.
איך מוז מיין לעבן מקריב זיין פאַר די געדריקטע...
און העלפן זיי באַפרייען — איז מיין הייליקער פליכט...

אין די קילע אוונט, האָט ער, צו זיי, גערעט —
און ער האָט די אויגן, געעפנט זיי צום זען
זייער דחקות, לייד, און די פוס וואָס טרעט
אויף זייער קאָפּ מיט שטאָלץ — ווי גאָרניט וואָלט
געווען...

ווי אַ ראָד אַרום אַן אַקס, זיינען זיי געזעסן
און אויסגעהערט פון אים, די פערלדיקע רייד...
ביי יעדערן אין אויג, האָט אַ פייערל געלויכטן —
און אין האַרצן האָט געזונגען — די קעמפערישע פרייד.

נאָר דערוואוסט, האָט זיך פון דעם דער בעל-בית,
און אַרויסגעיאָגט אים, פון דער אַרבעט גלייך;
איז ער צוריק נאָך אַרבעט, אין דער שטאָט געפאָרן,
מיט אַן האַרץ פון האַס, אויף די וואָס זיינען רייך...

איז ער מיט לייב און לעבן, אין דעם קאַמף אַריין,
און אין פּראָפּאַריין, ווי אַ שומר אומגעגאַנגען
און אַלץ געטאָן...געמוטיקט אַ יעדערן באַזונדער ...
ער זאָל זיין גרייט צום שטרייק, ווען מ׳וועט
פאַרלאַנגען ...

7

איז אַ יום-טוב אין קובאַ געוואָרן, ס׳קומען די רויבער
פון וועלט...

מ׳פוצט אוים די גאַסן, באַלקאָנען, קומט פייערן
אַרבעטער מיט!

נאָר ער, האָט צעטעלאַך קליינע מיט ליכטיקע
ווערטער געוואָרפן:

קומט ברידער אַרבעטער קעמפן! אין שטאָלענע
רייען געשמיט...

אַרום האָבן פאָנען געפלאַטערט, געקנאַלט האט די
ווילדע מוזיק...

און ער איז ווי אַ נביא געגאַנגען באַפרייעז, מיטן
הייליקן וואָרט...

אַ פינסטערע האַנט האָט געפאַנגען, פון מיטן דער
ליכטיקער גאַס —

דעם הייליקן־וועקער, פון מאַסן, און האט אים אין
פעסטונג פאַרשפאַרט...

די פינסטערע ווענט פון דער תפיסה
זיי האָבן געציטערט פון ליכט ...
אַ קדוש... געשמיט ליגט אין קייטן —
און עס שטראַלט זיין בלאַסער געזיכט ! ...

ס'האָבן ריגלען פון טיר זיך צעיאָמערט...
אַריין זיינען שדים—צו אים ...
און שלאָגן אים:—זאָג אוים, ווער ביסטו ? ! ...
נאָר שטום איז זיין געטליכע שטים.

די לייב—איז פון שפיזן צושטאָכן ...
דער פנים—פאַרגליווערט אין בלוט ...
זיי פייניקן, מוטשען ביז טויט אים !
און ער—שווייגט, אין זיין וואוט...

רויט איז די העמד אויף זיין לייב,
פון זודיקע בלוט, דורכגעווייקט ...
זיי פליקן מיט צוואַנגען זיין צונג,
אין האַרץ—ליגן מעסערס צעלייגט...

און עס זינגען, פון פעסטונג, די ווענט —
דעם ניגון, וואָס שטילט אַיין דעם וויי —
פון אַ הייליקן, פאַרפייניקטן גוף —
פאַר אַ וועלט, וואָס וועט קומען נאָך זיי...

אַנטאָניאָ מאַסעאָ. היסטאָרישע פּאָעמע.

א.

געבורט.

געבליט האָט די נאַכט אַ פּאַרטרוימטע אין בלויען אָריענט.
די בערג האָבן שטיל זיך איינס מיטן צווייטן גע׳סוד׳עט...
דאָס פּאָלק איז געלעגן פאַרשקלאַפט, אין קייטן-געפּענט,
נאָר שטערנדלאַך האָבן זיך פריי אין דעם הימל געהוידעט.

דרעמלט סאַנטיאַגאָ—אויף בערג און טאָלן צוליגט,
און אַרום, ווי אַ קייט, רינגלען איר ריזיקע בערג;
צופוסנס, דער ים קושט אירע טריט פאַרנויגט,
און גלעט, מיט די שוימיקע פינגער אירע פעלזיקע קערק.

שטייט זיך אַ הייזל, אַזוי זיך, פאַר׳חלומ׳ט אין נאַכט,
ווער וואָלט עס גלויבן, אַז אונטער די גרויענקע ווענט
האָט אַן אָרעמע מוטער אַ קינד אויף דער וועלט איצט געבראַכט,—
וואָס ער וועט צורייסן די קייטן פון שקלאַפישע הענט...

וואַקסט אַנטאָניאָ אין אָרעמקייט, הונגער און נויט;
ער קוקט צו די לייד וואָס פייניקט אַרום און אַרום:
טויזנטער שקלאַפן פאַר אַ שטיקעלע טרוקענע ברויט;
דעם ווייַ אין די הערצער, טראָגן זיי יאָכעדיק שטום!...

עס בליט זיך פאַנאַנדער זיין יוגנט מיט פייער און גלוט.

די האַרץ, ווי אַ בלום זיך צושפּרייט, אָפן און פריי;
אַ הימלישע קראַפט האָט ערוועקט אין אים אַזאַ מוט
אַז ער האָט דערפילט זיך ווי נאָר וואָס געבוירן אויף ס'ניי...

ס'האט אים געצויגן צו סטעפּעס אין בלענדיקער ווייט
ווי אַ סוד וואָלט געלעגן אונטער די קוסטעס באַהאַלטן
און בולט'ער וואָלט מען געזען ווי עס שוואַנגערט די צייט —
מיט אַ בלוטיקן שטורמישן־מאָרגן, פון נעכט נאָך פאַרהאַלטן ...

אין דאָרף און אין שטאָט האָט געקלאַפּט נאָך דער אייזערנער־טראָט,
פון שפּאַנישן חיל, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק—
אויף דער רואיקער פאָלק, וואָס איז געווען צו שאַנד און צו שפּאָט
פאַר יעדן סאָלדאַטסקן, בלוט-דורשטיקן ווילדן געיעג.

שטיל האָבן זיך ווינטלאַך פאַר'סוד'עט, צווישן די פעלדער געטראָגן ,
און וואו נאָר אַ מענשליכער ישוב, האָט אַ האָפנונג דערוועקט ...
עפּעס אין מיטן דער נאַכט האָט פון זיך אַליין אָנגעהויבן טאָגן ,
און אַ העלע, אַ בלענדיקע ליכט,—האָט פאַר אַלעמען, פריי, אויפגעדעקט.

די זון האָט אַרום זיך צוגליט, און אַלעם צו זיך צוגעצויגן...
דערפילט האָט מען געטליכע־טריט, ביי יעדוועדער קעמפער צו פרייהייט...
און וואו נאָר אַ האַרץ איז געווען, און פרייע, צעעפנטע אויגן —
האָט מען אין קאָפּ זיך געלאָזן, מיט ליבע, מיט גלויבן, און טרייהייט...

דער טאַטע פאָרויס מיט די קינדער—אַזוי ווי מ'שטייט און מ'גייט.
און וואָס נאָר אין שטוב איז געווען,—אַ האַק, אַ מאַטשעטע, אַ זעג —
מיט זיך אין וועג אַלץ גענומען, און איבערן לאַנד זיך צעשפּרייט,
און די ברוסט פאָרויס צום שונא... אונטער אַ האָגל, פון פייער, געשטרעקט...

ב.

אַכטצן הונדערט אַכט און זעכציק.

ס'האָט געשטורמט אין לאַנד דער יאָר, אַכטצן הונדערט אַכט און זעכציק.
פון יעדוועדער הויז זיינען די קעמפער געגאַנגען,
דאָס בלוט האָט גערונען פון יונגע קרבנות, מוראָ'דיק פליציק!..
דאָך זיינען זיי, מוטיק געגאַנגען, צום שלאַכט' מיט געזאַנגען...

אין הויז האָט געאיילט, און געיאָגט זיך, די מוטער וואָס גיכער;
ס'איז ערב יום־טוב!—ערב באַפרייאונג פון פאָלק און לאַנד!
זי דאַרף היינט באַגלייטן, איר מאַן, מיט ניין זין, צום שטורמישן וויכער —
זיי זאָלן זיך, העלדיש, באַפרייען, פון שקלאַפישן־שאַנד...

אין גרויען באַגינען, ווען טאָג האט געגומען זיך שפינען

זיינען ניין זין, מיטן פאָטער, געשטאַנען מיט פּעקלאַך געגרייט...

און ס׳האָט זיך די מוטער געזעגנט, מיט אירע צען העלדן וואס מיניען

אַזוי ווי דער ליכטיקער שטערן — די בשורה פון מאָרגן וואָס שפּרייט.

די טיר האָט פאַרמאַכט זיך, אַליין איז זי איצטער פאַרבליבן,

די זון — וואַרפט אַלץ מערער, האָפנונגס-שטראַלן.
אין פענסטער אַריין...

עס מאָלט זיך אַ בילד איר: דאס לאַנד אַ באַפרייטע דעם שונא פאַרטריבן,

און דער מאַן מיט די קינדער, זיי קומען באַלויכטן מיט זיגערישן שיין.

עס ברעכן זיך צווייגן, ס׳בויגן זיך גראָזן, — פלינקע זיי רייטן.

ניין זין, ניין גבורים, פאָרויס פון דעם פאָטער געפירט;

זיי יאָגן זיי קעמפן, זיי מוזן די צייטן פאַרבייטן...

טיף אין די הערצער, האבן זיי פרייהייט דערשפירט...

כאָסע און אַנטאָניאָ — זיי האָבן אַ שרעק אויף דעם שונא געוואָרפן:

פון וואַנענט דען, קומט עס, צו זיי, אַזא ריזיקע קראַפט ? !

זיי האָבן אַזעלכע גבורים, ביז איצט נאָך, אין שלאַכט, ניט געטראָפן,

ווי קומט אַזא גבורה צו שוואַרצע, וואָס זיינען פון אייביק פאַרשקלאַפט ?

דאָס לאַנד האָט געבלוטיקט, צען יאָר אָן אַן אויפהער
קרבנות געבראַכט...
אַנטאָניאָ, ער פירט שוין טויזנטער מאַסן, שטרייט!
און ער זיגט!...
דער ערשטער געפאַלן איז טויט—זיין פאָטער אין
שלאַכט,
צוויי ברידער נאָך אים—האָט אַ בלוטיקער פייער,
דערשטיקט...

נאָך שטאַרקער דער פלאַם, האָט אין ברוסט מיט
נקמה געגליט,
פאַר טאַטן, פאַר ברידער, פאַר ריינע אומשולדיקע
בלוט...
זיין האַרץ וועט נישט שטילן...ביז פאַרמעקט וועלן
ווערן די טריט
פון שפּאַנישער הערשאַפט!...האָט ער זיך געשוואָרן
מיט וואוט...

עס שפּרייזן מושטירטע אַרמייען מיט ביקסן,
האַרמאַטן, באַוואָפנט,
און דאָ, אַ פאַרהונגערטע מחנה—באָרוועסע, נאַקעטע,
רייטן,
מיט בלויזע מאַטשעטעס, און שטיינער, אַנטקעגן
דעם שונא געטראָפן,
ווער וואָלט עס גלויבן, אַז זיי וועלן העלדיש
געווינען די שטרייטן?...

דער פיינד האָט אַלץ מער מיליטער, פון שפּאַניע געבראַכט ;
די אינגסטע, די בעסטע קובאַנער, זיינען אין שלאַכט שוין געפאַלן ,
און ס'האָט אויף אַ ווײלע אין קובאַ—צוריק זיך פאַרצויגן די נאַכט ,
נאָר אין האַרצן נאָך זיינען פאַרבליבן, די האָפנונגס-שטראַלן ...

ג.

אין גלות.

אויף אַ קליינע שיפל פירט מען, פאַרנאַרטע, די העלדן,
אָט אָ דאָ, ניט ווייט פון קובאַ,— אויף דעם אינזל כאַמאַיקאַ...
נאָר אין מיטן דעם ים האָט אַ שפּאַנישער קרייצער געמאָלדן :
איר זיינט געפאַנגען !—און קושט די בלוט פון נאַגייקע ! ...

געשמידט אין קייטן, אויפן דעק פון קרייצער, ווייט פון דער זוניקער היים...
געשטאָכן פון שפּיזיקע-בליקן פון שונאים, מיט אַ סאַרקאַסטישן שפּאָט
פירט מען זיי אַלע געפאַנגען אין גלות...דאָך טליעט אין האַרץ נאָך געהיים
דער פונק פון גלויבן אין פרייהייט אַלס ערשטער געבאָט ...

אין אַפריקאַנישע ווילדערנישן, פאַרשוואַרצן די יאָרן
די ליכטיקסטע זין פון קובא;
אַ פינסטערער גלות האָט ווייט אין דער וועלט זיי
צעוואָרפן, צעזייט און צעשפּרייט...
דאָס פאָלק ליגט אין קייטן פאַרשלאָסן, נאָך פעסטער
אונטער די רוצחישע הערשער,
דאָך טיף אין זיי טליעט דער ווילן פון פרייהייט...און
ווידער צום קעמפן געגרייט ...

צוריק האָט דאָס לאַנד אויפגעפייערט...נאָר פאַר־
שטיקט איז עס באַלד געוואָרן, —
דער צאָרן פון פאָלק—ער לעשט זיך ניט אויס.
זשאַרעט און טליעט אין זיך.
און פּלוצלונג אַזוי, רייסט ער זיך אויף, שפּעטער מיט
צענדליקער יאָרן ,
און ברענט, און פאַרלענד'ט, מיט אַ ריזיקער קראַפט,
אַלע די צאַמען אויף גיך...

וואַנדערט אַנטאָניאָ אין גלות פאַרטריבן, די האַרץ
אַ פאַרביינקטע, צובלוטיקט:
דאָס לאַנד און דאָס פאָלק קרעכצן אין יאָך, זיין
פאָטער, צוויי ברידער געטויט,
און דריי אין אַפריקע זיצן געפאַנגען, צושלאָגן,
צומוטשעט, פאַרפּייניקט;
אַ פינסטערער טרויער, ווי אַ בלוטיקע כמאַרע, האָט
אים אין וואַנדער באַגלייט...

אַזויפיל קרבנות, פון אומשולד, פון יוגנט, זאָל זיין
דאָס אַלץ אומזיסט ?...
און אייביק אַזוי וועט דאָס פאָלק שוין שקלאַפן,
אונטער דער אייזערנער האַנט ? ...
ניין ! — עס ווילט זיך ניט גלויבן ! — עס מוז דאָך
קומען די פרייהייט, די פרייהייט געוויס...
ווען אַלע פאַרייניקט מיט מעכטיקע ווילס שטורמען
דאָס לאַנד אויף ביינאַנד...

און שטאַרקער דער מוט, און פעסטער דער גלויבן,
האָט אין אים זיך פאַרשמידט ;
צוריק אויף דער ליכטיק־פאַרפייניקטער קובא מוזן
נאָך טרערן זיינע טריט ...
טיף אין די הערצער ביי יעדן איינעם—אַ קערן פון
פרייהייט נאָך בליט ,
וועל איך זיי וועקן באַנייען די קאַמפן און ברייננגען
פון פרייהייט די צוויט ...

אַזוי האָט ער טראַכטנדיק ווייטער געגרייט זיך, צום
נייעם, פאַרביסענעם קריג ;
צוזאַמען מיט זיינע גלות־חברים אויף אַ קליינינקער
שיפל אַרויף ...
מיט אים אויך זיין העלדישער ברודער כאָסע—ביז
איצט אין אַפריקע פאַרשיקט !
זיינען זיי אַלע פון קאָסטאַ ריקאָ, צו קובאַ געפאָרן
צוריק ...

גנבה'ט אַריין זיך דאָס שיפל. אויף דער פּלאַיאַ פון דואַפּאַ
און גלייך ביים לאַנדן, באַגעגנט מען זיי מיט שפּיז, מיט קויל און מיט פייער,
נאָר זיי צווישן די בערג זיך באַהאַלטן, רינגלען דעם בלוטיקן שונא,
ס'האָט ניט דער האָגל פון קוילן דערשראָקן, די פירער, די שקלאַפן-באַפרייער.

ווי אַ גליהיקער קראַטער מיט שטראָמיקע לאַווע,
געברענט האָט אָריענטע...
ס'האָט זיך דער פלאַם אלץ ווייטער פאַרטראָגן איבערן לאַנד;
ס'איז געקומען די צייט פון צורייסן, אויף זיך, די קייט און די פענטע,
שטאָט און דאָרף פאַרייניקטע גייען, צום נייעם אויפשטאַנד...

ד.

העראָישע צייט.

אַכטצן הונדערט פינף און אַכציק—אַלעס פלאַקערט,
און עס פייערט! ...
יונגע, אַלטע אַלע קעמפן—באַרוועס, נאַקעט, ניט געשראָקן
פערדלאַך יאָגן מיט די רייטער; וואָס קען ליבער זיין און טייער
ווי דאָס אייגן לאַנד באַפרייען, פון די פרעמדע הערשער גלאָקן? ...

נעמט מען קאָרע פון די פּאַלמעס, און מ׳שניידט
דאָרט אויס צוויי לעכער—און עס ווערט פון דעם
אַ רעקל,
און מיט די זעלבע ברייטע בלעטער, וויקלט מען
די פוס אַרומעט,—און עס ווערן געטרעס.
און די קאָקאָ־ניס, די גרויסע, גיסט מען אָנעט פול
מיט וואַסער און מ׳בינדט עס צו די לענדן;
און אויפן קאָפּ אַ גרויסע שטרוי-הוט—און מ׳יאָגט,
מ׳טרייבט דעם שונא—בלויז מיט קורצינקע
מאַטשעטעס...

פירט מאַסעאָ זיינע מאַסן, איבער וויסטע פעלדער,
וועלדער, פונ׳ם מזרח ביז מערב...
און די שפּאַניער מיט קאַנאָנען, יאָגן טרייבן אים
אַנטקעגן טאָג ווי נאַכט;
נאָר די קובאַנער, ניט דערשראָקן, איינגע׳עקשנ׳ט
מוטיק קעמפן!
פאַרכישופט, דורך דעם צויבער־רוף מאַסעאָ׳ס:
שפּיל קאָרנעט צום שלאַכט!!...

ניט לאַנג געווען נאָך אין אָריענטע,—און שוין
דערגרויכט—פּינאַר דעל ריאָ,
און דאָס פאָלק, זי טראָגט זיין נאָמען, מיט אַ ברכה
אויף די ליפּן...
ס׳אַנעוואַנטקייט פון אַ גיבור—באַוואונדערט אים
דער שונא...
אים—צו פאַנגען, און צו טויטן—ווי גיפט שלאַנגען,
זיי זשיפּען...

געפּלאַנט האָט דער שונא פאַרשטיקן, דעם
צעפּלאַקערטן אויפשטאַנד,
האָט ער בײַם האַלז אַרום גענומען... איר, דער
פאַרמוטשעטער קובאַ,
און אַ צוים פאַרוואָרפן, פון איין ים ברעג ביז
צום צווייטן—
געוואַלט, מאַסעאָן מיט זיין אַרמיי אין
פינאַר דעל ריאָ טויטן!..

איינגעפּעסטיקט אין די גראָבנס, מיט שטעכעדיקע
צאַמען, פון מאַריעל ביז מאַכאַנאָ
ליגט די אַרמיי פון די שפּאַניער, ניט דערלאָזן וועט
מאַסעאָ׳ן, מיט זיין חיל נאָך האַוואַנא;
דאָ אין פּראָווינץ פינאַר דעל ריאָ מוז מען פאַנגען,
און פאַרמעקן זיי אין גאַנצן,
און צוריק זאָל איבער קובאַ, שטאָלץ און זיכער,
שפּאַניע׳ס־הערשערישער־עמבל גלאַנצן...

פינסטער האָט דער ים געשטורעמט, כוואַליעס
האָבן זיך געוואָרפן ווי צורייצטע גייסטער,
און אַ לאָטקעלע אַ קליינע האָט צום וואַסער זיך
געטוליעט, ציטעריק, צושראָקן...
אין איר געשיפט האָט זיך מאַסעאָ מיט נאָך
עטליכע חברים, קעמפערישע, דרייסטע,
און די נאַכט האָט זיי געטראָגן אין די אָרעמס
איינגעטוליעט, ווי די אייניקלאַך—אַ זקן...

דורכגעקרייצט האָט ער דעם שונא, אויף אַ
לאָדקעלע אַ קליינע,—אין דעם שטורעמדיקן ים,
און ער פירט שוין נייע שלאַכטן, אין פּראָווינץ גאָר
פון האוואנא, מיט אַ צווייטע אַרמיי;
און עס שטוינען אַלע שונאים—ווי אַזוי האָט ער
געקענט דורכרייסן דעם צאַם ?!.
עפּעס ליגט אין אים אַ רוח פון אַ טייוול, צו אַ מלאך,
מן־הסתם...

מאַסעאָ שלאָגט זיך אונערמידליך, פיר און דרייסיק־
קוילן, האָבּן אים געטראָפן...
און דאָס לייבּ צעלעכערט,—דאָך לעבּט דער גיבּור,
און ער קעמפט נאָך ווייטער !...
עס שרעקט אים ניט קיין פייער ! — זעט ער נאָר
דעם שונא—איז פאָרויס געלאָפן,
און נאָך אים, שוין זיכער, פליט אַן אַרמיי רייטער.

עס מאָלט זיך ערד מיט הימל, מ'שטורעמט
די פּאָזיציעס, און מאַסעאָ פאַלט...
דאָס בּלוט פון מויל פליסט... קוילן צוויי אים
בּרענען, און דער פּנים לייכט !
ער האָט אין גסיסה־פייער, פון דער ווייט בּאַנומען —
די שטים פון זיגער־שאַל...
און אויסגעהויכט נשמה—האָט ער מיט פעסטן
גלויבּן—געקעמפט !—און זיג ערייכט...

ה.

די שטים פון מאַסעאַ.

עס יובלען די דערפער, די שטעטלאַך, די שטעט—
פאָלק האָט געזיגט !
באַפרייט איז געוואָרן דאָס לאַנד, פון פינסטערן
שפּאַנישן יאָך...
הערצער פאַרשיכורטע זינגען, טאַנצן און שפּרינגען
פון גליק;
אַ יום־טוב געוואָרן, איז גרויע, פאַרכמורנעטע וואָך.

עס גלאַנצט נאָך דאָס בלוט, דער זון אין פּנים אַ ריין..
עס וואַלגערן טויטע, צווישן די קוסטעס זיך אום;
נאָר דער טאָג—אַזוי בלענדיק, כישופט מיט
לויטערן-שיין,
דאָס פאָלק, און דאָס לאַנד— שטייגן צום געטליכן
רום.

אַוועק זיינען צענדליקער יאָרן, פון יענער
הערלעכער צייט,
צוריק איז דאָס פאָלק היינט פאַראָרעמט, אין
הונגער און נויט...
דאָס לאַנד האָט פון שפּאַניע—אויף יענקע געמאַכט
נאָר אַ בייט,
נאָר ס'האָבן די זיידעס, די זאָמען, אין די קינדער
פאַרזייט...

און נאַ׳נט איז די צייט ווען ס׳וועט זיך צעפּליען
אויף־ס׳ניי,
דאָס לאַנד וועט אויפשטורמען, מיט פרייד פון
אַנטשלאָסענעם קריג...
ביז קובאַ וועט געהערן — צו אַלע וואָס אַרבעטן
פריי,
און אַלע צוזאַמען, וועלן געניסן, די פּרוכט פון
דעם זיג.

נעבן דעם ים, ביים ברעג פון האוואַנאַ,
שטייט ער און וואַרט...
דערזעלבער מאַסעאָ, אַזוי ווי אַמאָל,
מיטן שווערד אין דער האַנט!
דער בראָנזענער פּנים, קוקט אין די ווייטן
פאַר׳צער׳ט...
און ער האַלט איין, דעם פערד — וואָס פליט
אין דער לופטן פאַרצאַמט.

קליינינקע קינדער, אין ראָזע פאַרנאַכטן,
קומען זיך שפּילען נעבן אים;
פאַרייסן די קעפּלאַך, און קוקן פאַרוואונדערט, —
הויבן אַרויף.
ווי עס וואָלט זיי געקלונגען, עפּעס פאַר׳כוד׳עט,
אַ געטליכע שטים,
און לאָזן זיך ווייטער, ווי שטיפערלאַך קליינע,
אַרום אים אין לויף.

דאָס רעדט ער, מאַסעאָ, ארוים פון דעם בראָנז,
אוןֿ רופט צום קאַמף!
זיי זאָלן פאַרטרייבן די אַלע וואָס דריקן,
זייער, דאַרענקן גוף
און ער, וועט פאָרויסגיין און פירן דער מחנה—,
אַזוי ווי אַמאָל...
זאָלן נאָר אַלע וואָס שקלאַפן פאַרפייניקט,
דערהערן זיין רוף...

אין מיטן דער נאַכט, ווען האוואנא אַ פאַרמאַטערטע
שלאָפט,
נאָר איינצלנע עלנטע, איינזאַמע, זיצן צופוסנ׳ס,
נעבן אים,
הערן זיי צו, זיינע רייד, ווי פאָטערליך, געטליך
ער שטראָפט
די אַלע וואָס לײדן געדולדיק... זיין געזיכט,—
איז פול צאָרן און גרים...

און אַ מאָל ווען קיינער ניט זעט, פליט ער אַראָפ
מיטן פערד,
און רייט אין די שמאָלענקע גאַסן, וואו דער
פאַרמוטשעטער אַרבעטער וואוינט,
קוקט צו דעם עלנט—אין סעראָ; כאַפט זיך אַריין
אין לויאַנאָ,
און שפרינגט אַריין אין רעגלע,—וואו דער דלות
אין זיין נאַקעטקייט וויינט...

דער ים — ער זעט עס אַלץ צו... ער זאָגט ניט
דעם סוד קיינעם אויס,
עס שפּילן די וועלן זיך שטיל, און וואַרטן אויף
שטורמישע צייט.
נאָר קומען וועט זי דאָך געוויס!..—און דאַן, פון
פון די ברעגעס אַרויס
וועט לויפן, פאַרשווענקען די בלוט,—פון קובאַ,
וואָס האָט זיך באַפרייט.

אינהאַלט.

זייט

אין ים'ען פון גרינסן . . 7

I

אויף זוניקע ערד.

פרילינג 13
דאָרפּישע פרייד . . . 15
מאַראַוויאַס 17
שניט פון מאַיס . . . 19
אַ שפּאַציר אין פּרימאָרגן . 21
אויפן וועג 24
פּוערטאָ פּאַדרע . . . 26
לאַ באָקאַ דעל מאַר . . 28
צווישן גרינע פּאַלמעס . 30
אַ טראָפּישע נאַכט . . 32
דער כינעזער 34
פון אָריענטע 36
באַשירמט מיר . . . 38
צוריק צום ים . . . 40
איך וואַרף אַראָפּ . . . 42
געזאַנג פון טאָג . . . 44
לייכט, און גיי ניט אויס . 47
אָוונט 49

II

ליכט און שאָטן.

דער מאָרגנשטערן . . . 53
טשובע זיך 55
פינף מינוט אין גאַנצן . 57
צוזאָג מיר אויס אין דיין טוי, 59
די לופט איז אָנגעפּילט . 61
דער טאָג 63
מיין כוס 65
עס זינגט מיר די פעדער . 67
מיט אַמאָל 69
יוגנט 71
ס'בליצט ביים האָריזאָנט . 73
ניט אַלץ קען מען . . . 74
ווער בין איך דאָ ? . . 75
ס'טרעפט אַמאָל . . . 77
כל-נדרי שטימונג . . . 79
נאָנט איז די וועלט . . 81
פאַרגיין וועט די נאַכט. . 83
ס'גוט זיך אַ מאָל . . . 84
אַ קילע פרישקייט . . 85
ווען איך זאָל זיין . . 87
אַ בערגל פון אַשיקע קברים . 89
נאָך אַ שעה 91
אַ שטערן נאָך אַ שטערן . 92
אָנגעגאָסן פול די כוסות . 94
איינס, צוויי, דריי . . 96
אַ וועלט פון שטיינער . 97
מיר זיינען פאַרלוירן . . 99
צום שפּיל 101

	זייט

III

פאַרנאַכטן־רו.

עס בענקט מיין נשמה	105
אין די הערבסטיקע פאַרנאַכטן	107
כ'האָב געזען	109
יונגער פאַרנאַכט	111
לאָז מיך איינטונקען	112
כמורנער אָוונט	114
פונם בריק	116
כ'זע דיר פאַרוואָלקנט	119
אַ פּאָרטרעט (סאָנעט)	121
זיי מיר מוחל (סאָנעט)	122
נעם מיך אַרום (סאָנעט)	123
דערהויבן מיך (סאָנעט)	124
דיינע אויגן (סאָנעט)	125
ליבע איז הימלישער פייער	126
ער און זי [דיאַלאָג]	128
אין דרויסן וויינט די שקיעה	130
איינזאַם	131
דאָס ליד פון זקן	133
די אַלטינקע	136
אַ בילד פון אַ קינדער	138
לעמער פון פעלד	140

	זייט

IV

יוגנט־טריט.

יונגע פרייהייט־קעמפער	143
געזאַנג פון דאָרף	145
דער פייער פון יוגנט	147
מיר זיינען די גלעקער	149
ליכט פון אַלע זייטן	150
אַ ריזיקער ווילן	152
פרילינג טעג	154
צום וואַנדערער	155
ס'האָט מיר גערופן	156
פאַרוויינט מיר	158
פאַר אייך	160
ווער האָט	162
אונזער צייט	164
כ'וויל אַ וואָרט	165
די זון גליט	167
דער ערשטער מאַי	169
ליכט	171
די וועלט איז ניי	173

V

באַלאַדן און פּאָעמען.

דער לעצטער בריוו (באַלאַדע)	177
טראָפּישע־בלוט (באַלאַדע)	184
נאַסקע (פּאָעמע)	190
אַנטאָניאָ מאַסעאָ (פּאָעמע)	205

ערקלערונגען.

אַנטאָניאָ מאַסעאָ	ער איז איינער פון די העראָישע פיגורן אין דער געשיכטע פון דער קובאַנער באַפרייאונג.
אָריענטע	מזרח פראָווינץ פון קובאַ.
באָדעגאַ	אַ שפּייז און געטראַנק-געוועלב.
גוואַגוואַ	אַ שמאָלער אויטאָבוס.
טאָטי	אַ נאָמען פון אַ פויגל.
טשין	אַ כינעזער
כודיאָ	אַזאַ פויגל.
לאַ באָקאַ דעל מאַר	דער ים ברעג פון „פוערטאָ פּאַדרע".
לויאַנאָ	אַ פאָרשטאָט פון האוואנא.
מאַראַוויאַס	ראָזע בלימעלאַך, זייער טבע: צו פאַרמאַכן זיך בייטאָג, און עפענען זיך פאַרנאַכט.
מאַיס	קוקורוזע.
מאַנגעס	אַ קובאַנער פרוכט.
מאַמאָנסיאָס	אַ קובאַנער פרוכט.
מאַני	געטריקנטע קערנדלאַך פון ניסלאַך.
מאַטשעטע	אַ לאַנגער מעסער.
מאַריעל	אַ שטעטל אין פּראָוו. „פּינאַר דעל ריאָ".
מאַכאַנאָ	אַ שטעטל אין פּראָוו. „פּינאַר דעל ריאָ".
סאַנטיאַגאָ	די הויפּט שטאָט פון פּראָוו.- אָריענטע.
סאַנטאָס סואַרעז	אַ פאָרשטאָט פון האוואנא.
סעראָ	אַ פאָרשטאָט פון האוואנא.

פוערטאָ פּאַדרע	אַ שטעטל אין פּראָווינץ אָריענטע.
פּלאַיע פון דואַבּאַ	דער ים בּרעג פון בּאַראַקאָאַ, אָריענטע.
פּינאַר דעל ריאָ	מערב פּראָווינץ פון קובּאַ.
פינקע	אַ הויף.
קאַקאָ	אַ גרויסער נוס.
קוקאַראַטשע	אַ בייסנדיקער אינזעקט.
קאַניע	צוקער-רער.
רעגלע	אַ פאַרשטאָט פון האוואנא.

בּאַמערקטע דרוק-פעלערן.

זייט	שטייט	דאַרף זיין	שורה
27	יעטוועדאַר	יעדוועדער	15
73	שכות	חשכות	3
85	חוילן	היילן	8
114	דאַרבּ	פּאַרדאַרבּ	4
125	די	דיר	10
135	אַ רום	אַרום	2
148	דער	דעם	8
151	שוטער	שייטער	2
109	און זיין	אין זיין	16
191	דחקית	דחקות	3
202	אָוונט	אָוונטן	5